STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 04842

100 YOR INDYER IN DOREM AFRIKE

Leybl Feldman

•

Permanent preservation of this book was made possible
by Herbert & Dianne Newman
in memory of
Celia Lifshitz Newman

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol
of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from
a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights
in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain
or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified.
If you hold an active copyright to this work – or if you know who does –
please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

לייבל פעלדמאַן

100 יאָר אינדיער אין דרום אַפריקע

(1860—1960)

יאָהאַנעסבורג,
דרום אפריקע,
1961.

INDIANS IN SOUTH AFRICA
1860—1960

BY

L. FELDMAN

Johannesburg
South Africa
1961

מיט הונדערט יאָר צוריק האָט נאַטאַל — די קלענסטע פון די פיר פּראָווינצן פון דער שפּעטערדיקער יוניאָן פון דרום אפריקע — וואָס איז, אגב, דריי מאָל אַזוי גרויס ווי גאַנץ בעלגיע — אויסגעזען אַן ערך אַזוי:

ביז 1824 האָט בלויז זייער א קליינע צאָל ענגלענדער געלעבט אין, און אין אַרומיקן געגנט פון דער שפּעטערדיקער האַפן־שטאָט דערבן. דערבן, די הויפּטשטאָט פון נאַטאַל און דער וויכטיקסטער האַפן ביים אינדישן אָקעאַן, האָט ערשט געקראָגן איר נאָמען אין 1835.

שפּעטער האָט זיך געשאַפן אין נאַטאַל א קליינע בורישע רעפּובליק — די נאַטאַליע רעפּובליק (Natalia) — מיט דער הויפּשטאָט פּיטערמאַריטצבורג. די ענגלישע מאַכט האָט געזען אין דער בורישער רעפּובליק אַ באַדראָאונג פאַר איר האַפן.

אין 1842 האָט די ענגלישע אַרמיי אַנעקסירט נאַטאַל און די בורן האָבן זי פאַרלאָזן. (אגב, זיינען שוין געווען מיסיאָנערן צווישן די זולוס איידער ענגלאַנד האָט אַנעקסירט נאַטאַל).

נאָך דעם ווי די ענגלישע מאַכט האָט אַנעקסירט נאַטאַל, האָט דאָרט גענומען וואַקסן דער ענגלישער יישוב. די ענגלישע פּיאָנערן האָבן זיך שטאַרק פאַראינטערעסירט מיט דעם ניט־קולטיווירטן זיסן צוקער־ראָר, וואָס די אַפריקער פלעגן קייען. זיי האָבן פאַרויסגעזען די גוואַלדיקע מיגלעכקייטן אויסצונוצן די גרויסע פרוכטבאַרע רויע שטחים ערד פאַר צוקער־פּלאַנטאַציעס. ענגלישע קאַפּיטאַליסטן האָבן גענומען אינוועסטירן געלט. דערצו איז נויטיק געווען אַן אומגעהויער גרויסע צאָל אַרבעטס־הענט, וועלכע זיי האָבן זיך באַמיט צו רעקרוטירן פון דער גרויסער אָרטיקער שוואַרצער באַפעלקערונג (זולו־שבט). אָבער די פּרימיטיווע זולוס זיינען דאַן ניט געווען קיין באַשטאַנדיקער אַרבעטס־עלעמענט, ווייל דער עקאָנאָמישער פאַקטאָר פון געלט האָט נאָך דאַן ביי זיי ניט עקסיסטירט. די אַרבעט, די אַרבעט־שעהן, און דער ווייסער מענטש איז זיי געווען פרעמד און אומפריינדלעך. פלעגן זיי זיך ניט לאַנג איינהאַלטן ביי דער אַרבעט. זיי האָבן געבענקט נאָך זייער דערבייאיקער היים און לעבנשטייגער. אין 1850 איז די באַפעלקערונג פון נאַטאַל באַשטאַנען פון אַן ערך הונדערט טויזנט זולוס און פינף טויזנט ווייסע.

די זולוס האָבן געפירט אַן אָרגאַניזירטן לעבן מיט טראַדיציעס און מינהגים און מיט א סך אָבערגלויבענישן. זייער עקאָנאָמיק איז נאָך געווען זייער פּרימיטיוו. עס האָט דאַן

עקסיסטירט ביי זיי די סיסטעם פון בארטער. דער באגריף
פון פאַרמעגן און עקאָנאָמישער זיכערקייט איז געשאַצט
געוואָרן לויט דער צאָל בהמות וואָס איינער פאַרמאָגט. די־
רות, קליידונג און דאָס גלייכן איז ניט געווען קיין פּראָבלעם.
דער געזעלשאַפטלעכער און עקאָנאָמישער ווײַלזיין פון די
זולוס און די אַנדערע שוואַרצע שבטים האָט זיך געדרייט
ארום דער אַקס פון — האָבן וואָס מער פרויען און קינדער,
האָבן וואָס מער בהמות און באַאַרבעטן די ערד פאַר איי־
גענעם געברויך.

די פרוי איז געווען ניט בלויז א פיזישע נויטווענדיקייט,
נאָר אויך די פּראָדוצירערין פון ארבעטס־הענט. אגב, איז
זי געווען — מערער ווי דער מאַן — דער שווערער ארבע־
טער. זי האָט אויפגעפּאַסט די קינדער, זי האָט געטאָן די
הויז־ארבעט, באזאָרגט וואַסער, ברען־שטאָף, זי פלעגט צו־
גרייטן עסן און זי האָט אויך געאַרבעט אין פעלד. דעריבער,
ווען א טאַכטער דאַרף חתונה האָבן, איז עס ניט „ברוך
שפּטרני", נאָר פאַרקערט — מען גיט דעם פאָטער „לאַבאָ־
לאָ", א מין נדן, ווי א קאָמפּענסאַציע פאַר אָפּגעבן אַן אר־
בעטס־כוח. דער מאַן — ער איז דער „ער". ער איז דער
הערשער, דער שטרענגער פאָטער, דער אויפזעער און באַ־
לעבאָס. ער איז דער פאָרשטייער פון דער מישפּחה פאַר
דעם סעמי־קאָמונאַלן לעבן אונטער דער הערשאַפט פון
„טשיף" און זיינע משרתים. ער איז דער יעגער, דער זעל־
נער און דער קריגס־טענצער; ער האָט ליב זיך צו וואַרע־
מען אויף דער זון און שמועסן. ער איז געווען דער פּריווי־
לעגירטער און לייכט־ארבעטנדיקער, און אזוי ארום איז ער
ניט געווען געצוווּנגען צו זוכן ארבעט ביי די ווייסע. צו
ארבעטן פאַר ווייסע איז פאַר זיי געווען אַן ארויפגעצוווּנגע־
נע לאַסט און שקלאַפעריי.

די רעקרוטיר־אגענטן האָבן זיי צוגעזאָגט גליקן. דאָס
וואָס זיי וועלן פאַרדינען צען שילינג א חודש, וועט זיי געבן
אַ מיגלעכקייט צו קריגן איין ווייב און נאָך א ווייב. אנדערע
האָט אָנגעלאָקט די סענסאַציע פון זען א נייע וועלט — זען
וואָס עס טוט זיך ביי די ווייסע. זיינען א גרויסע צאָל גע־
גאַנגען ארבעטן אויף די צוקער־פּלאַנטאַציעס. אָבער, ווי
שוין געזאָגט, זיי האָבן זיך לאַנג דאָרט ניט אויפגעהאלטן.

די פרוכטבאַרע ערד פון נאַטאַל האָט צוגעצויגן א סך
קאַפּיטאַל. די אייגנטימער פון די צוקער־פּלאַנטאַציעס זיי־
נען געשטאַנען פאַר א דילעמע. זייער האָפענונג צו קריגן
גענוג ארבעטס־קראַפט פון די זולוס איז געווען זייער ניט
קיין צופרידנשטעלנדיקע, און דעריבער איז ניט געווען מיג־
לעך פאַרצוזעצן די ארבעט, סיידן זיי וועלן קריגן א גענוג־

דיקע צאָל סטאַבילע ארבעטס־הענט. זיי האָבן זיך געווענדט צו דער רעגירונג און געפאָדערט אָנצונעמען מיטלען, וואָס זאָלן צווינגען די אַפריקער צו גיין ארבעטן אויף די צוקער־פּלאַנטאַציעס, אויב ניט דראָט די געפאַר פון רואינירונג פאר די אינוועסטירטע קאַפּיטאַלן און פאר דער מיגלעכער פּראָספּעריטעט וואָס צוקער קען ברענגען פאַר נאַטאַל

סוף 1849 — איבער צוויי יאָר נאָך דעם ווי מען האָט אָנגעפאנגען צו פלאַנצן צוקער — איז ארויס אַ געזעץ, אז יעדער אפריקער מוז צאָלן דער רעגירונג זיבן שילינג א יאָר פאר זיין כאַטקע. געהייסן האָט דאָס געזעץ „האָט־טעקס“, און געצאָלט האָט געמוזט ווערן דער שטייער נאָר מיט מזומן. אָבער אזוי ווי קיין געלט האָבן די אפריקער ניט געהאַט, זיינען זיי צוליב דעם געווען געצוווּנגען צו גיין ארבעטן (עס איז אינטערעסאנט צו באמערקן, אז פארן ערשטן יאָר האָט מען צוזאַמענגעקליבן שטייער פון 25.232 כאָטקעס). די אומפארמיידלעכקייט צו גיין ארבעטן פאר ווייסע האָט פארבעסערט די לאַגע פון די באַלעבאַטים, אָבער עס איז געווען ווייט פון צופרידנשטעלנדיק. אזוי גיך ווי מען האָט די אפריקער אויסגעלערנט די ארבעט, זיינען זיי אוועק צוריק אהיים.

די אומסטאַבילקייט פון די ארבעטס־הענט האָט אין 1858 געצוווּנגען די באַלעבאַטים צו אימפּאָרטירן כינעזישע און מאַלאַיער ארבעטער פון יאַוואַ. אָבער אויך די ארבעטער האָבן זיך לאַנג ניט געהאַלטן. זיי זיינען ניט געווען צופרידן פון די קליינגעלט־שכירות און פון די באדינגונגען.

אין 1859 האָט דער גוואַלדיקער מאַנגל אין ארבעטס־הענט דערפירט די צוקער־פּראָדוקציע צו א קריטישע לאַגע. אזוי ווי די אייגנטימער פון די צוקער־פּלאַנטאַציעס האָבן געוווּסט, אז מאוריטשיוס, בריטישע גיאַנאַ און יאַמאַיקע האָבן געקראָגן פון אינדיע פארקאָנטראַקטירטע ארבעטער פאַר די דאָרטיקע צוקער־פּלאַנטאַציעס, האָבן זיי זיך געווענדט צו דער נאַטאַלער רעגירונג מיט א דרינגנדיקער פאָדערונג, אז זי זאָל פּועלן ביי דער ענגלישער רעגירונג, אז אינדיע זאָל דערלויבן אינדיער קומען קיין נאַטאַל אויף פארקאָנטראַקטירטער ארבעט. די אינדישע רעגירונג איז ניט געווען צופרידן מיט די באדינגונגען און האָט אָפּגעוואָרפן דעם פאַרלאַנג.

אינדיע — דאָס לאַנד וואָס האָט געגעבן דער מענטשהייט אוראַלטע קולטור — האָט געפילט, אז מיטן דערלויבן אינדיער פאַרקאָנטראַקטירן זיך אויף ארבעט וועט זי העלפן אין א געוויסער מאָס אויפצולעבן די סיסטעם פון שקלאַפן־

ארבעט, וואָס איז אָפּגעשאַפֿט געוואָרן אין דער ענגלישער אימפּעריע אין יאָר 1834.

ענדלעך האָט די רעגירונג פֿון אינדיע אָנגענומען דעם פֿאָרשלאָג וועגן עמיגראַציע פֿון ארבעטער אויף קאָנטראַקט פֿאַר די נאַטאַל צוקער־פּלאַנטאַציעס, אָבער אויף די פֿאָלגנ־דיקע באַדינגונגען: די ארבעטער פֿאַרן פֿריוויליק; די נאַ־טאַלער רעגירונג דאַרף גאַראַנטירן זייערע רייזע־הוצאות; סיי אויף דער רייזע און סיי ביי דער ארבעט דאַרפֿן זיי קריגן מעדיצינישע אויפֿזיכט; ווען א מאַן פֿאָרט מיט זיין פֿרוי און קינדער טאָרן זיי ניט ווערן צעשיידט; פֿון 30 ביז 40 פּראָצענט פֿון די אימיגראַנטן דאַרפֿן זיין פֿרויען. די שכי־רות איז צען שילינג א חודש פּלוס עסן און א דירה פֿאַר יעדן ארבעטער און זיין מישפּחה. אזוי ארום האָבן די אייגנ־טימער פֿון די צוקער־פּלאַנטאַציעס געקראָגן ארבעטער פֿאַר קליינגעלט־שכירות, דאָס עסן און א דירה האָט זיי געקאָסט נאָך אכט שילינג א חודש.

דער קאָנטראַקט איז געווען פֿאַר 5 יאָר (צו ערשט 3 יאָר ביי איין באַלעבאָס און צוויי יאָר ביי אן אנדערן). נאָך די 5 יאָר ווערט ער אַ פֿרייער בירגער מיטן זעלבן רעכט ווי אנדערע בירגער אין לאַנד, און ער קען דאַן טאָן פֿאַר זיך וואָס ער וויל. אויב ער וויל צוריק פֿאָרן קיין אינדיע, מוז ער אליין באַצאָלן די רייזע־קאָסטן, אָבער אויב ער בלייבט אין נאַטאַל צען יאָר, האָט ער מיט זיין מישפּחה דאָס רעכט צו קריגן פֿון דער רעגירונג א פֿרייען בילעט צו פֿאָרן קיין אינדיע, אָדער בעטן ביי דער רעגירונג אומזיסט אַ שטח ערד, עקוויוואַלענט צו די רייזע־קאָסטן קיין אינדיע. ערד איז דאַן געווען זייער ביליק.

ווען די ערשטע שיף פֿון אינדיע מיט די פֿארקאָנטראַק־טירטע ארבעטער (סך הכל 342 נפשות) איז אָנגעקומען דעם 17טן נאָוועמבער 1860, איז די באפעלקערונג פֿון נאַטאַל געווען 141.631 אפריקער און 14.534 ווייסע (די באפעלקע־רונג פֿון דערבן — 2.567 ווייסע און 1746 אפריקער).

דאָס אָנקומען פֿון די פֿארקאָנטראַקטירטע אינדיער האָט ארויסגערופֿן גרויס פֿרייד ביי דער ווייסער באפעלקערונג.

די שטאָלצע, פֿעסט־געבויטע זולוס האָבן באטראכט די אריבערגעקומענע אינדיער מיט געלעכטער און ביטול — אזעלכע מאָגערע און קליינע, שטילע און פֿארדאגהטע.

די אינדיער זיינען געקומען אהער כדי צו פֿארבעסערן זייער לאַגע. מאַנכע פֿון זיי האָבן אפילו ניט דערציילט זייע־רע עלטערן אז זיי פֿאָרן. דאָס רוב פֿון זיי זיינען געווען גע־צוווּנגען צו עמיגרירן צוליב הונגער, שלעכטע גערעטענישן, טריקענישן אא״וו. מאַנכע זיינען געווען באַאיינפֿלוסט פֿון

די רעקרוטיר־אגענטן, וועלכע האָבן געמאָלן פאַנטאַסטישע בילדער פון אַ גליקלעך לאַנד, ווו מען נעמט אפילו ניט ארונטער קיין פרוכט פון די ביימער, הינער לייגן גאָלדענע אייער, און די שפע פון עסן איז גרויס. צווישן די פרויען, וועלכע זיינען אהער געקומען, זיינען אויך געווען יונגע אלמנות, קרבנות פון אומגליקלעכע חתונות, מיידלעך, מאָמעס פון אומגעזעצלעכע קינדער אד״גל.

מיט די ערשטע 5 שיפן זיינען געקומען 1029 מענער און 359 פרויען. אזוי ווי דאָס רוב פון די פארקאָנטראַקטירטע ארבעטער פלעגן זיין מענער אָן פרויען, פלעגט אָפט אַ שיף מוזן וואַרטן אין האַפן עטלעכע טעג פארן פארלאָזן אינדיע ביז מען האָט געקראָגן דעם מינימום פּראָצענט פרויען. פלעגט מען אפילו ארויפנעמען אויפן שיף פּראָסטיטוטקעס און סתם פארדאָרבענע טיפּן פון פרויען, כדי די שיף זאָל וואָס גיכער קענען אָפּפאָרן. אויף יעדער שיף זיינען געווען עטלעכע גלחים און לערערס.

ביז 1866 זיינען אריינגעקומען פון אינדיע 5448 נפשות. מיט דעם אָנקומען פון די אינדיער האָט נאַטאַל עקאָנאָמיש אויפגעלעבט. אָט וואָס די Natal Mercury האָט געשריבן דעם 19/1/1865: „וואָס פאר א ברכה די פאַרקאָנטראַקטירטע ארבעטער זיינען פאַר נאַטאַל! בלויז נאָך עטלעכע יאָר אימיגראַציע ווייזט קלאָר, אז קולי־אימיגראַציע איז זייער נייטיק פאר דער פּראָספּעריטעט פון נאַטאַל. דאָס קען ווייזן רעזולטאַטן. אין 1863 האָט מען שוין עקספּאָרטירט צוקער פאר דעם ווערט פון 26 טויזנט פונט, און אין 1864 — 100 טויזנט פונט, און עס האַלט אין שטייגן. ווען ניט קולי־ארבעטער וואָלטן מיר ניט געהערט פון קאָפּע־פּלאַנטאַציעס וואָס מערן זיך. פון זייער זיין דאָ וועלן געניסן די ווייסע מעכאַניקער און ארבעטער, ווייל זיי ברענגען פארגרעסערטע פּראָדוקציע און פּראָספּעריטעט". און נאָך עפּעס האָט די צייטונג געזאָגט מיט עטלעכע טעג שפּעטער: „מיר זעען ניט איין פאַרוואָס די קולי־פּארקאָנטראַקטירטע ארבעטער זאָלן ניט דערמוטיקט ווערן צו ארבעטן פאַר זיך און גיך ווערן פארמעגלעך און שאַפן רייכטימער פון וועלכע די גאַנצע באפעלקערונג וועט געניסן פון דעם".

אלע אינדיער האָט מען גערופן קוליס סיי אין וואָרט און סיי אין שריפט. אין 1872 האָט א דעלעגאַציע פון אינדיער זיך געווענדט צו דער רעגירונג מיט אַ שטאַרקן פּראָטעסט קעגן דעם, אז זיי פילן זיך שטאַרק געטראָפן און באַליידיקט, וואָס קינדער פון אַן אַלטן קולטור־פאָלק, ווערן אלע באצייכנט ווי קוליס. פון דאַן אָן באצייכנט די רעגירונג אינדיער ווי אַזיער. אָבער א סך ענגלענדער און אי־

בערהויפּט די בורן אין טראַנסוואַל רופן זיי נאָך עד־היום
קוליס (קולי איז אַ באַליידיקונג־וואָרט און איז ענלעך צום
אויסדרוק „פּאַרוווניקעס“, ווי מען פלעגט באַצייכענען די
רוסישע יידן).

ווען דער קאָנטראַקט פון די 5 יאָר פלעגט זיך פאַר־
ענדיקן און די ארבעטער זיינען געוואָרן יורידיש גלייכבאַ־
רעכטיקטע בירגער פון לאַנד, זיינען ווייניק געפאָרן צוריק
קיין אינדיע און פון די, וועלכע זיינען יאָ געפאָרן צוריק, זיי־
נען דאָס רוב געווען לערער און גלחים. פון דער קלײנער
צאָל, וואָס פלעגן פאָרן אהיים — זיינען דאָס רוב גע־
קומען צוריק. דאָס מיינט ניט, אז די פארקאָנטראַקטירטע
ארבעטער זיינען געווען צופרידן פון זייערע שכירות און
באַלעבאַטים, וואָס מאַנכע פון זיי זיינען געווען שלעכט. מען
האָט זיי באהאנדלט פונקט ווי די אפריקער, ווי שקלאַפן,
און מען פלעגט קעגן זיי באנוצן די בייטש. אנדערע באַלע־
באַטים פלעגן ניט וועלן געבן עסן די פרויען פון די ארבע־
טער — זאָלן די אינדיער זיי אליין קאָרמענען פון די 10
שילינג א חודש. אנדערע פלעגן ארונטערנעמען א שילינג
אַ טאָג פון זייערע שכירות, אויב זיי זיינען קראַנק געווען
און ניט געקומען צו דער אַרבעט. דאָס אַלץ איז געווען קעגן
דעם אָפּמאַך. ווען די רעגירונג פון אינדיע האָט זיך דער־
ווּסט וועגן דעם, האָט זי געשיקט א שאַרפן פּראָטעסט צו
דער רעגירונג פון נאַטאַל און געפאָדערט, אז דאָס זאָל
גלייך אָפּגעשטעלט ווערן. אויב ניט — וועלן זיי גלייך אָפּ־
שטעלן די עמיגראַציע פון פארקאָנטראַקטירטע ארבעטער.

די צאָל פון די וואָס האָבן פארענדיקט זייער פינף יאָ־
ריקן קאָנטראַקט האָט גענומען שטייגן. זיי האָבן ניט גע־
וועלט פאָרן צוריק — צוריק צו זייער דור־דורותדיקע כראָ־
נישע אָרעמקייט. זיי האָבן באשלאָסן צו מאַכן זייער היים
אין דרום אפריקע, ווו די מיגלעכקייטן צו פארבעסערן זייער
עקאָנאָמישע לאַגע איז גרויס. מענער האָבן אראָפּגעבראכט
זייערע פרויען און בחורים — כלות. ווייניק זיינען פאר־
בליבן ארבעטן פאר זייערע פריערדיקע באַלעבאַטים. זיי
האָבן אָנגעפאנגען גרינס־גערטנעריי, זיי האָבן גענומען אנט־
וויקלען א נייע אינדוסטריע — פיש־פאַנג ; געקראָגן ארבעט
אין די קוילן־גרובן; שטעלעס אין מוניציפּאַליטעט, און אויך
ווי הויז־באַדינערס א״א. מאַנכע האָבן נאָך צען יאָר אר־
בעט געקראָגן אָדער געקויפט פרייע גרונט און האָבן גע־
נומען פלאַנצן פאר זיך צוקער־ראָר, טראָפּישע פרוכטן,
וועלכע מען האָט ביז דאַן הי ניט געפלאַנצט. אַ היפּשע
צאָל האָט זיך פארנומען מיט האַנדל און, הויפּטזאַכלעך, מיט
קרעמעריי. אין דער זעלבער צייט האָט זיך אָנגעהויבן אַן

עמיגראַציע פון מאָוריטשיוס פון געניטע אינדיער גע־שעפטסלייט און קרעמער ; און שפּעטער — אויך פון אינ־דיע גופא, וואָס איז באַצייכנט געוואָרן ווי „פרייע" אימי־גראַציע.

אזוי ווי די מעגלעכקייטן פאר קרעמעריי אין געגנטן ווו אפריקער ווינען זיינען געווען „פּיאָנערישע" און אומ־באַגרענעצט, האָבן די אינדיער קרעמער, הענדלער און סתם לופט־מענטשן זיך פאַרשפּרייט איבער גאָר א גרויסן שטח פון נאַטאַל, ווו עס זיינען ביז דאַן קיין קראָמען ניט געווען. אומעטום האָבן געניטע — און אויך ניט געניטע — אינדיער פון די „באַפרייטע" געעפנט קרעמלעך. מען פלעגט פארקויפן סחורות, וואָס די באַפעלקערונג האָט עס פריער אפילו ניט געזען. מען פלעגט פארקויפן סחורות אויף באַר־טער — ד"ה די אפריקער פלעגן ברענגען הינער, אייער, פאַרשיידענע סאָרטן פעלן און תבואה, און פאר דעם פלעגן זיי קריגן פּאַטשיילעס, צוקער, זיסיקייטן, מעסערלעך, שפּי־געלעך, שערעלעך, קרעלן, שפּילצייג און דאָס גלייכן. אויך די, וועלכע האָבן זיך באַפרייט פון די קאָנטראַקטן, איז גוט געגאַנגען. זיי האָבן אָפּגעשפּאָרט גענוג געלט צו בויען אַן אייגענע הייזקע, קויפן א קליינעם שטח גרונט צו באַאַר־בעטן ; צו עפענען א קראָם ; צו האָבן אן אייגענע קו, און אפילו צו קויפן א געבײדע אויף צו פאַרדינגען. דאָס האָט געשטילט זייער איינגעבוירענער אָרעמקייט־קאָמפּלעקס, האָט באַפרידיקט אַ ווונטש און רעאַליזירט א חלום צו באַזיצן עפּעס — א זאַך, וואָס ניט זייערע פאָטערס און זיידעס האָבן עס געהאַט. אפילו שפּעטער, ווען מאַנכע פון זיי זיינען שוין געוואָרן רייך, האָבן זיי זיך ניט געקענט פּסיכאָלאָגיש דער־ווייטערן און באַפרייען פון זייער אָרעמקייט־קאָמפּלעקס, און פלעגן נאָך אלץ לעבן לויטן אלטן שטייגער. זייערע פאַר־מעגנס פלעגן זיי אינוועסטירן אין קאָמערץ און אין אומ־באַוועגלעכע אייגנטימער.

דער האַנדל און די פיל הונדערטער קראָמען, וואָס די אינדיער האָבן געעפנט, איז ניט געווען באַגרענעצט נאָר אין פלעצער, ווו עס זיינען פריער ניט געווען קיין קראָמען, נאָר אויך אין ערטער ווו ווייסע קרעמער זיינען שוין געווען עטאַבלירט. אין מאַנכע פלעצער איז די קאָנקורענץ פון די אינדיער געווען אזוי גרויס, אז זיי האָבן בהדרגהדיק ארויס־געשטופּט דעם ווייסן קרעמער, ווייל זיי פלעגן פאַרקויפן ביליקער. זייערע הוצאות זיינען געווען זייער קליין : די גאַנצע מישפּחה האָט געהאָלפן און די אָנגעשטעלטע, וואָס זיי האָבן יאָ געהאַט, האָבן געאַרבעט זייער לאַנגע שעהן פאר קליינע שכירות און געלעבט האָט מען אין איין אָדער

צוויי צימערלעך הינטערן קראָם. זייערע היגיענישע און סאַניטאַרע באַדינגונגען זיינען געווען שוידערלעכע. מאַנכע האָבן ניט געהאַט אפילו קיין קלאָזעט. בכלל גענומען האָבן די אינדיער געלעבט אין שמוציקע באַדינגונגען. קענטיק, אַז היגיענע האָט ניט געשפּילט קיין וויכטיקע ראָל ביי גאָר אַ סך פון די אינדיער, כאָטש זייער רעליגיע און זייערע טראַדיציאָנעלע רעליגיעזע מינהגים שטרייכן אונטער די וויכטיקייט פון זויבערקייט. זיי האַלטן, אַז עס הערשן בייזע גייסטער אַרום אַ פרוי אין אירע פּעריאָדן און אויך אַרום אַ פרוי, וואָס האָט נאָר וואָס געבוירן אַ קינד, אָדער אַן אַלמנה, וואָס איר מאַן איז ניט לאַנג צוריק געשטאָרבן. אַזעלכע פרויען זיינען טמא — מען טאָר ניט זיין אין זייער אָנוועזנהייט. זייערע ריטועלע בעדער זיינען ענלעך צו דער יידישער מיקווה.

מיט דעם, וואָס די אינדיער זיינען אַריין אין מיטל־קלאַס — אַ שטראָם וואָס איז באַרייט אומצוברענגען קאָנקורענטן — האָבן די אינדיער באַדראָט די העגעמאָניע פון די פּריווילעגירטע ווייסע הענדלער און קרעמער, האָט זיך אָנגעהויבן אַ ויצעקו! „די שמוציקע קוליס שטופּן אַרויס די ווייסע”; „מען מוז פּטור ווערן פון דער קולי־אינוואַזיע”; „זיי זיינען אַ געפאַר פאַרן לאַנד”; „מען מוז זיי אַלעמען דעפּאָרטירן”; „זיי שיקן אַרויס זייערע פאַרמעגנס קיין אינדיע” און שפּעטער — „זיי קויפן אויס אַלע געביידעס”.

דער פּסיכאָלאָגישער צוגאַנג פון די ווייסע קרעמער און הענדלער איז געווען, אַז „דער מור האָט אָפּגעטאָן זיין אַרבעט, דער מור מוז גיין”. כל זמן די אינדיער — ווי בינען — האָבן געגעבן האָניק און האָבן ניט גענומען זייער דערנערונג פון, און ניט אַנטייל גענומען אין דעם גרויסן בלומענגאָרטן פון נאַטאַל, איז מען געווען זייער צופרידן, וואָס מען האָט זיי אַרויסגעבראַכט. אָבער ווען די אינדיער וואָס האָבן געהאַנדלט, האָבן אָנגענומען אַ שטעלונג, אַז זיי האָבן ניט קיין קלענערן חלק אין אויפבויען נאַטאַל, און ניט ווייניקער רעכט צו לעבן דאָרט, ווי די ווייסע — האָט דאָס שטאַרק אָנגעגריפן די ווייסע. די ווייסע האָבן גערופן מאַסן־פאַרזאַמלונגען. דעפּוטאַציעס זיינען געגאַנגען צום גובערנאַטאָר פון נאַטאַל. אַ גוואַלדיק שאַרפע אַגיטאַציע און העצע איז אָנגעגאַנגען קעגן די אינדיער.

עס האָט זיך געשאַפן אַ קאָנפליקט פון עקאָנאָמישע אינטערעסן צווישן די הענדלער און קרעמער פון איין זייט, און די איינגעטימער פון צוקער, טיי, קאַפע און בוימוואָל־פּלאַנטאַציעס און די מאַגנאַטן פון די קוילן־גרובן — פון דער צווייטער זייט. איין צד האָט געטענהט, אַז די אינדיער זיי־

נען אַ צרה פאַרן לאַנד, ווייל זיי שטופּן ארויס דעם ווייסן; דער צווייטער צד האָט געהאַלטן, אַז די אינדיער זיינען גאָר אַ ברכה פאַרן לאַנד, ווייל זיי האָבן געבראַכט פּראָספּערי־טעט. אפילו אין 1903 — 43 יאָר נאָך דעם ווי די אינדיער האָבן גענומען קומען קיין דרום אפריקע — האָט דער גע־וועזענער פּרעמיער פון נאַטאַל Sir Liege Hulett געזאָגט אין נאַטאַלער פּאַרלאַמענט אָט וואָס: „די לאַגע פון נאַטאַל — איידער מען האָט אימפּאָרטירט אינדיער־אַרבעטער — איז געווען אַ טרויעריקע. די גאַנצע וויטאַליטעט פון לאַנד האָט געהאַלטן ביים אונטערגיין. נאָר אַ דאַנק דעם, וואָס די רעגירונג האָט געהאָלפן אימפּאָרטירן די אַרבעטער, איז געקומען אין לאַנד אַן אויפלעבונג. אונדזער ים־ברעג פון לאַנד איז פאַרוואַנדלט געוואָרן אין די פּרוכטבאַרסטע ערד, און איז געוואָרן דער פּראָספּעריטעט־טייל פון גאַנץ דרום אפריקע. ניט אין דער קייפּ און ניט אין טראַנסוואַל קען מען געפינען דאָס וואָס מיר האָבן אין נאַטאַל — 10 טויזנט אַקער ערד אין איין שטח פאַרפלאַנצט מיט איין פּראָדוקט — צו־קער. און דאָס האָבן מיר צו פאַרדאַנקען נאָר די אינדיער. דערבן איז אין גאַנצן אויפגעבויט געוואָרן אַ דאַנק דער אינדיער באַפעלקערונג".

די רעגירונג האָט די פאָדערונגען פון די ווייסע — אַז מען זאָל דעפּאָרטירן די אינדיער — אפילו ניט געקענט נעמען אין באַטראַכט, ווייל זי האָט געהאַט אַן אָפּמאַך מיט דער אינדישער רעגירונג, אַז די פאַרקאָנטראַקטירטע אַרבע־טער ווערן נאָך זייער אָפּדינען 5 יאָר באַטראַכט ווי פול־באַרעכטיקטע בירגער. אָבער די אַגיטאַציע און האַס קעגן די אינדיער איז געוואָרן אַזוי שאַרף, אַז די רעגירונג האָט אָנגעהייבן אַריינברענגען באַגרענעצונג־געזעצן.

* * *

אין טראַנסוואַל זיינען ניט געווען קיין אינדיער ביז 1881. די בורישע רעפּובליק האָט געהאַט אין איר קאָנסטי־טוציע אַ פּונקט, אַז „עס קען ניט זיין קיין גלייכהייט צווישן ווייסע און ניט ווייסע ניט אין קירך און ניט אין שטאַט".

ווען עס האָט זיך אָנגעהויבן די אימיגראַציע פון אינ־דיער סיי פון נאַטאַל און סיי פון אינדיע, האָט מען גע־לאָזט וויסן, אַז זיי קענען ניט ווערן קיין בירגער פון דער בורישער רעפּובליק און אַז זיי זיינען בכלל ניט קיין גע־וווּנטשענער עלעמענט. צוליב אַן אָפּמאַך מיט ענגלאַנד האָט די טראַנסוואַלער רעפּובליק ניט געקענט פאַרבאָטן דעם אַריינפאָר פון אינדיער. אין 1886 האָט מען אָנגענומען געזעצן, אַז אַלע אינדיער קרעמער און הענדלער מוזן ווערן באַזונדער רעגיסטרירט. זיי טאָרן ניט באַזיצן קיין אומבאַ־

וועגלעכע אייגנטימער. זיי מעגן וווינען נאָר אין ספּעציעל פאַר זיי באַשטימטע געגענטן. שפּעטער האָט מען פאַרבאָטן די אינדיער צו פאָרן ערשטע קלאַס. אין 1888 האָט די בורישע רעפּובליק אָפּגעוואָרפן אַ פּראָטעסט פון דער ענגלישער רעגירונג פאַר וואָס עס איז פאַרבאָטן אינדיער, פּונקט ווי אַפריקער, צו זיין אויפן גאַס נאָך 9 אין אָוונט און אין 1896 האָט די בורישע רעפּובליק פאַרבאָטן ניט־ווייסע צו גיין אויף די טראָטואַרן. טראָץ דעם פאַרבאָט צו באַזיצן אומבאַוועגלעכע אייגנטימער פלעגן די אינדיער זיך געבן אַן עצה. מען פלעגט עס קויפן אין נאָמען פון אַ ווייסן — זייערן אַ פריינד, און שפּעטער פלעגט מען שאַפן אַקציע־געזעלשאַפטן. אַזוי אַרום זיינען די געביידעס ניט געווען אין נאָמען פון אינדיער. אָבער פאַקטיש האָט עס געהערט צו זיי. אין 1897 האָט מען דורכגעפירט אַ געזעץ צו באַגרענעצן די צאָל אינדיער הענדלער און קרעמער. דער וואָס גיט אַרויס האַנדלס־פּאַטענטן קען באַשטימען וועמען יאָ צו געבן און וועמען ניט. די ווייסע פלעגן גלייך קריגן זייערע האַנדלס־פּאַטענטן. די אינדיער, אָבער פלעגט מען לאָזן וואַרטן, אָדער אין גאַנצן אָפּזאָגן. די אינדיער, ביי וועמען דאָס איז געווען אַ לעבנספראַגע, האָבן געמוזט נוצן איין וועג ווי אַזוי צו קריגן וואָס גיכער די פּאַטענטן — כאַבאַר. די בורן האָבן באַטראַכט אינדיע ווי די פאַבריק ווו עס ווערן פאַבריצירט קוליס. אין 1914 האָט מען אין גאַנצן פאַרבאָטן דעם אריינפאָר פון אינדיער, אַ חוץ פרויען און קינדער וועלכע האָבן דאָ מענער, און אויך גלחים און לערערס.

* * *

אין סעפּטעמבער 1890 האָט די פריי־שטאַט רעפּובליק דורכגעפירט אַ געזעץ, אַז אַלע אינדיער מוזן פאַרלאָזן די רעפּובליק אין צוועלף חדשים צייט, און די, וועלכע וועלן זיך געפינען נאָך סעפּטעמבער 1891, וועט מען דעפּאָרטירן. דאָס פאַרבאָט־געזעץ הערשט נאָך היינט.

* * *

סוף מיי 1893 איז אָנגעקומען פון אינדיע אַ יונגער אַדוואָקאַט (24 יאָר אַלט) מיטן נאָמען מאַהאַנדאַס קאַראַמטשאַנד גאַנדי. ער האָט דאָ געשפּילט אַ גרויסע ראָל אין קאַמף קעגן די באַגרענעצונגען און גזירות אויף אינדיער. אין דרום אַפריקע האָט ער אַנטוויקלט אַן אייגנאַרטיקע טעאָריע און פילאָסאָפיע ווי אַזוי הילפלאָזע קענען באַקעמפן ברוטאַלע מאַכט. ווען ער איז צוריקגעפאָרן קיין אינדיע האָט ער זיך אריינגעוואָרפן אין קאַמף קעגן דער ענגלישער אימפּעריאַליסטישער מאַכט צו באַפרייען אינדיע.

ער איז דאָ געווען אַ באַליבטער פירער און אין אינדיע איז ער געוואָרן דער באַליבטסטער נאַציאָנאַלער פירער. מען האָט אים דאָרט פּשוט געמאַכט פאַר אַ הייליקע פּערזענלעכקייט און אים געגעבן דעם נאָמען מאַהאַטמאַ, דאָס מיינט — דער מענטש מיט דער גרויסער נשמה. ער איז געוואָרן אַ גרויסע היסטאָרישע וועלט־פּערזענלעכקייט.

גאַנדי איז געבוירן געוואָרן אין 1869 ביי אַ פאַמיליע, ווו בילדונג האָט געשפּילט אַ וויכטיקע ראָל. ווען ער האָט געענדיקט די הויכשול, האָט מען אים, ווי אַ פליייסיקן שילער, געשיקט אין 1888 קיין לאָנדאָן צו פאַרענדיקן זיין יוריספּרודענץ־קורס אין דעם באַוווסטן אַריסטאָקראַטישן אוניווערסיטעט The Inner Temple. דאָרט האָט ער זיך געטראָפן סיי ביי זיין שטודירן און סיי אין דעם וועגעטאַרישן רעסטאָראַן מיט אינטעלעקטואַלן פון פאַרשיידענע לענדער, מיט וועמען ער פלעגט פירן וויכוחים. צו 22 יאָר האָט ער פאַרענדיקט זיין שטודיום אַלס אַדוואָקאַט. קומענדיק אַהיים האָט אים זיין ברודער, אַ יוריסט, געגעבן דעם ערשטן מישפּט. ווען דער שעמעדיקער גאַנדי האָט זיך אוועקגעשטעלט פאַרטיידיקן זיין קליענט, איז ער געוואָרן אַזוי נערוועז און האָט זיך אַזוי פאַרלוירן, אַז ער האָט עס ניט געקענט טאָן ווי געהעריק. דאָס האָט אַרויסגערופן גרויס געלעכטער אין געריכט, און גאַנדי איז אַוועק אַ שטאַרק דערשלאָגענער און באַליידיקטער. ער האָט מער קיין מישפּטים ניט אָנגענומען.

אין 1893 האָט אַן אינדישע פירמע פון פּרעטאָריע אים אָנגעבאָטן צו פאַרטיידיקן פאַר זיי אַ גרויסן פינאַנציעלן פּראָצעס. דאָס געהאַלט איז געווען הונדערט מיט פינף פונט פאַר אַ יאָר מיט פרייע אויסהאַלטונג. געפינענדיק זיך אין אַ קאַשמאַר און זייענדיק נידערשלאָגן פון זיין ערשטן דורכפאַל, האָט ער דעם אָנבאָט אָנגענומען, כאָטש אַזאַ האָנאָראַר איז געווען ווי קליינגעלט פאַר אַן אַדוואָקאַט מיט זיין הויכער בילדונג.

פון זיין יוגנט איז גאַנדי געווען אַ מתמיד, ערנסט און פאַרמאָגט אַ דאָרשט נאָך וויסן. ער האָט שטודירט ספּעציעל אויפן געביט פון סאָציאַלע רעפאָרמען און עטיק. אין די שפּעטערדיקע יאָרן — אויך אינדישע מיסטיציזמען. ער האָט שטודירט טאָלסטאָי, דזשאָן ראַסקין, העגעל, עדמונד בורקע, פּרודאָן, באַקונין, קראָפּאָטקין און אַנדערע. כאָטש ער איז געווען אַן אַגנאָסטיקער איז ער שפּעטער געוואָרן זייער רעליגיעז. רעליגיע האָט געשפּילט אַ גרויסע ראָל אין זיין פילאָסאָפיע, וואָס ער האָט אָנגערופן סאַטיאַגראַהאַ (Satyagraha) — אַ פילאָסאָפיע, וואָס האָט זיך גענומען

אויסקריסטאַליזירן אין אים בעת די שפּעטערדיקע יאָרן פון זיין זיין אין דרום אפריקע, ווו ער איז געווען 21 יאָר. צוויי פון זיינע פיר זין זיינען געבוירן אין דרום אפריקע.

די וועלכע האָבן שטאַרק געווירקט אויף גאַנדין זיינען לעוו טאָלסטאָי, דער קריסטלעכער אַנאַרכיסט, און דזשאָן ראַסקין, וואָס איז געווען שטאַרק קעגן מעכאַניזאַציע און מאַסן־פּראָדוקציע, ווייל לויט אים פּאַרלירט דערביי דער מענטש זיין אינדיווידועלע און פערזענלעכע ליבע צו ארבעט און צו שאַפן אייגנאַרטיק. חוץ די צוויי איז גאַנדי שטאַרק באַווירקט געוואָרן פון דעם קאָראַן און דעם קריסטלעכן טעסטאַמענט (הויפּטזאַכלעך „די בארג־דרשה פון יעזוסן"). דין פּאַלמער האָט געזאָגט, אז קיינער האָט ניט גערעדט אזוי שיין וועגן יעזוסן ווי גאַנדי. אין גאַנדיס ביוראָ אין יאָהאַנעסבורג איז צווישן אנדערע בילדער געהאַנגען אַ בילד פון יעזוסן. גאַנדי האָט תמיד געזאָגט, אז ער איז א זוכער פון אמת. זיין פילאָסאָפיע, אין תוך גענומען, איז מער אָדער ווייניקער אזוי: דאָס וויכטיקסטע איז די קראַפט פון די אייביקע אמתן, גייסט און מענטשלעכקייט. ער האָט גע־זאָגט „עס איז ריכטיקער צו זאָגן, אז אמת איז גאָט, ווי צו זאָגן, אז גאָט איז אמת". פּאַסיווער ווידערשטאַנד, וואָס ער האָט ניט נאָר געפּרעדיקט, נאָר עס אקטיוו דורכגעפירט אין לעבן — איז ניט א געצייג פאַר שוואַכע, זאָגט גאַנדי, דאָס איז ניט פּחדנות, דאָס איז — זיין באַרייט צו שטאַרבן פארן אידעאַל פון גוטס אין פּאַסיוון קאַמף קעגן שלעכטס. מען מוז באקעמפן שלעכטס און רציחה מיט גוטס — בנשיקה. להיפוך צו טאָלסטאָי — אויב מען פּאַטשט דיר אין באַק, נעם אָן מיטלען — דורך גוטסקייט און אמת — אז מען זאָל דיר ניט פּאַטשן אין דער צווייטער.

גאַנדי האָט געפּרעדיקט צו באקעמפן שלעכטס דורך אליין לידן, פּאַסטן, דורך זעלבסטפּייניקונג און דורך ניט נאָכגעבן דעם יצר־הרע. גאַנדי האָט צוליב זיין פרוי פאַר־נאַכלעסיקט צו באזוכן זיין קראַנקן שטאַרבנדיקן פּאָטער, האָט ער, ווי א זעלבסטפּייניקונג — א זעלבסט־שטראָף — ניט געלעבט מיט דער פרוי פאַר אַ לאַנגע צייט (לויט לואי פישער). אָט וואָס גאַנדי זאָגט: „מען מוז באפרייען די נשמה פון דעם זינדיקן און פארשקלאַפטן קערפּער, דערי־בער מוז מען לעבן א פוריטאַנישן, אסקעטישן לעבן. די לי־בע צו גאָט מיינט זיין באַרייט אויפצוגעבן אלע מאַטעריעלע פארמעגנס און אָפּגעבן אלץ צו גאָט". „גאָט אליין פלאַנירט אַ קאַמף פאר גערעכטיקייט. גאָט העלפט, ווען איינער איז זייער באשיידן און נידעריקער ווי די שטויב פון זיינע פיס. די שוואַכע און די הילפלאָזע זיינען געטלעך און גאָט העלפט

זיי". גאַנדי האָט געגלייבט אין גילגולים — „רעאינקאַרנאַ־
ציע" — דאָס ווידערלעבונג אין אַ נייעם גילגול — גילגול
הנפש. אָט וואָס ער זאָגט: „דער ציל פון מענטשלעכן לעבן
איז אויסלייזונג. זייענדיק אַ הינדו, גלויב איך, אַז אויסלייז־
זונג איז באַפרייאונג פון געבורט דורך צעברעכן די קנעכט־
שאַפט פון דעם פלייש. געשלעכטלעכע צוריקגעהאַלטנ־
קייט איז זייער הילפבאַר דערמיט, וואָס עס גיט דעם מענ־
טשן די מיגלעכקייט צו פירן אַ לעבן וואָס איז פול מיט רע־
זיגנאַציע צו גאָט. וואָס איז דער אַלגעמיין אָנגענומענער ציל
פון הייראַטן אויב ניט די פאָרזעצונג פון מענטשלעכן מין?
און צוליב וואָס איז נייטיק צו שטיצן הייראַט? דער מענטש־
לעכער מין רעפּראָדוצירט זיך פון זיך. עס נייטיקט זיך ניט
אין קיין אויסערלעכן כוח מיטצוהעלפן זיין וואַקסן".

לויט גאַנדי איז פאַסטן ניט נאָר אַ הונגער־שטרייק,
נאָר איז אויך אַן אויסדרוק פון אַ קרבן פאַר גערעכטיקייט
און סאָלידאַריטעט. די שיינקייט פון ברענגען קרבנות איז
צו פאַרבעסערן דעם כלל. מען דאַרף האָבן מער מוט און
זיין באַרייט צו שטאַרבן, ווי צו הרגענען. זיין אַ וועגעטאַריער
איז דער סימבאָל פון פּראָטעסט קעגן הרגענען. גאַנדי האָט
געגלייבט אין געטער און אָפּגאָטן, ווייל ער האָט געהאַלטן,
אַז וואָס מער מען גלויבט אין געטער, אַלץ שטאַרקער ווערט
דער גלויבן אין גאָט. ער האָט געגלייבט אין דער פאַרגע־
טערונג און פאַרהייליקונג פון דער קו (Cow-Mother).
די קו, זאָגט גאַנדי, איז דער סימבאָל פון גאָטס שטומע באַ־
שעפענישן (אויף ווי ווייט די קו ווערט פאַרהייליקט ביי די
הינדוסן קען דינען דער פאַקט, וואָס קיעשע מיסט און קיעשע
אורין ווערן באַנוצט ווי סגולות און ווי הייל־מיטלען).

ביז מיט עטלעכע יאָר פאַר זיין פאַרלאָזן דרום אַפריקע
איז גאַנדי געגאַנגען געקליידט אין מאָדערנע מערב־אייראָ־
פּעאישע קליידונג. זיצנדיק אין טורמע האָט זיך ביי אים
אַנטוויקלט אַן אָרעמקייט־פילאָסאָפיע, און גאַנדי האָט אָנ־
געהויבן טראָגן בעטלער־קליידער און געלעבט אָרעם. גאַנ־
די האָט ליב געהאַט מענטשן, ער איז געווען טאָלעראַנט,
קיין מאָל ניט געווען בייז. ווען מענטשן זיינען אים באַפאַלן
שלאָגן (עטלעכע מאָל אין דרום אַפריקע) האָט ער ניט צו־
געלאָזן, אַז מען זאָל זיי אָנקלאָגן אין געריכט. ער האָט גע־
האַלטן, אַז ווען זיי וואָלטן בעסער פאַרשטאַנען, וואָלטן זיי
עס ניט געטאָן. ער איז געווען אי אַ נאַציאָנאַליסט און אי
אַן אינטערנאַציאָנאַליסט. ער איז געווען אַ רעפאָרמער,
פאַרמיטלער, פּאָליטיקער און אָפט אָנגענומען אָפּאָרטוניס־
טישע מעטאָדן. Moral Disarmament איז אין אַ געוויסער
מאָס ענלעך צו גאַנדיזם. ער האָט ניט געהאַלטן פון רעליגיע־

זע דאָגמעס. „מען דאַרף זיצן ביי עמעצן וואָס האָט געטאָן שלעכטס אזוי לאַנג ביז יענער וועט חרטה האָבן אָדער זיך בייטן". גאַנדי האָט געהאַט א גרויסע קראפט צוצוציען אינ־טעלעקטואַלן און ווירקן אויף די אָרעמע און אלגעמיינע מאסן. ער איז אָפט געווען דער פאַרמיטלער אין עקאָנאָמי־שע קאָנפליקטן. ער האָט אלעמאָל געשטרעבט, אז סיי די ארבעטער און סיי די באלעבאַטים זאָלן זיין צופרידן פון אָפּמאַך. גאַנדי איז געווען פאר מאסן־קאמף אין פאָרעם פון פאַסיוון ווידערשטאַנד. ער איז געווען א קעגנער פון קלאסן־קאמף. (אינטערעסאנט איז, אז ער איז קיין מאָל ניט געווען אין קיין קינאָ).

גאַנדי איז ניט געווען קיין אויסגעהאלטענער פילאָסאָ־פישער טעאָרעטיקער, ווייל, ווי עס גיבן צו אפילו זיינע אָנ־הענגער, איז ער זיך אָפט סותר. עס איז שווער זיך פאָרצו־שטעלן ווי אזוי סאַטיאַגראַהאַ־גאַנדיזם, זאָל קענען האָבן אַ שטאַרקע ווירקונג אויף מאָדערנע קולטורעלע און אינ־דוסטריעל אנטוויקלטע לענדער.

ווען גאנדי איז אָנגעקומען אין דערבן, האָבן אים דער־וואַרט פאָרשטייער פון דער פירמע, וואָס האָט אים ארויס־געבראכט אהער. זיי האָבן אים באזאָרגט מיט אַ באַן־בילעט ביז טשאַרלסטאָן, ביים טראַנסוואַלער גרענעץ, און מיט אַ בילעט צו פאָרן מיטן שאַראַבאַן קיין פּרעטאָריע. קיין באַנען פון נאטאל ביז פּרעטאָריע זיינען נאָך דאַן ניט געווען. גאַנדי האָט פארלאָזן דערבן אין אָוונט. ווען דער אייזנבאַן־אָנגעשטעלטער איז אריין אין וואַגאָן פרעגן צי ער וויל אַ בעט פאר דער נאַכט, האָט גאַנדי געענטפערט אז ניט. דאָס איז אויסגעקומען מאָדנע פאַר גאַנדיס שכן — אַ מאַן פאָרט ערשטע קלאַס און וויל איינשפּאָרן עטלעכע שי־לינג פון ניט שלאָפן אין אַ בעט, — איז ער צוגעגאַנגען נאָענט אים צו באטראַכטן. ווען ער האָט געזען אז זיין שכן איז ניט קיין ווייסער, האָט ער גלייך געמאָלדן דעם בילעטן־קאָנטראָלער, וועלכער האָט גאַנדין געהייסן גיין אין דריטע קלאַס. גאַנדי האָט פּראָטעסטירט און געענט־פערט, אז ער האָט אַ בילעט פאר ערשטער קלאַס און וועט פאָרן ערשטע קלאַס און ניט דריטע. ווען דער באַן האָט זיך אָפּגעשטעלט אין פּיטערמאריטצבורג זיינען ארויף צוויי פּאָליציי־לייט און זיי האָבן גאַנדין מיט זיין באַ־גאַזש ארויסגעוואָרפן פון באַן. עס איז געווען אַ קאַלטע נאַכט און גאַנדי איז געווען לייכט געקליידט. גאַנדי, א דערשלאָגענער און שטאַרק באליידיקטער, איז אָפּגעווען אויפן וואקזאַל איבער נאַכט ביז א צווייטער באַן איז אָנגע־קומען. אונטערדעסן האָט ער געשיקט טעלעגראַמעס צו די

רעגירונג־אנשטאַלטן, פּראָטעסטירנדיק קעגן דער דאָזיקער האַנדלונג. אויף מאָרגן איז ער געפּאָרן ערשטע קלאַס ביז טראַנסוואַלער גרענעץ. ווען ער איז אריין אין שאַראַבאַן האָט מען אים, צוליב זיין קאָליר, ניט געלאָזן זיצן אונטן מיט אלע אַנדערע פּאַסאַזשירן, נאָר דער צווייטער אַנטריי־בער האָט אים אָפּגעגעבן זיין פּלאַץ לעבן הויפּט־באַלעגאָלע, און ער אליין איז געזעסן אונטן מיט אלע אנדערע פּאַסאַ־זשירן. ווען ס׳האָט זיך אים פּארוואַלט רויכערן, און אונטן איז ניט געווען דערלויבט, איז ער ארוי׳ף אויף זיין פּלאַץ און געהייסן גאַנדין זיצן אויפן דיל. ווען גאַנדי האָט ניט גע־וואָלט זיצן אויפן דיל, האָט ער אים געשלאָגן אזוי פיל, אז די מיטפּאָרערס האָבן אינטערווענירט און אָפּגעהאלטן דעם אַנטרייבער אים שלאָגן.

דאָס איז געווען גאַנדיס אָדיסעע — די רייזע פון דערבן קיין פּרעטאָריע.

די נאַכט, וואָס גאַנדי איז געווען אויף פּיטערמאַריטצ־בורג־וואָקזאַל, האָט געמאַכט א גרויס איבערקערעניש אין זיין מוח און אין זיין גאַנצן לעבן. ער האָט געפילט, אז פון איצט אָן האָט ער ניט נאָר דעם קליענט אין פּרעטאָריע, נאָר די גאַנצע אינדישע באַפעלקערונג פון דרום אפריקע, וואָס ווערט אזוי אומיושרדיק באַעוולט, איז אויך זיין קליענט. ער איז געוואָרן א רעוואָלוציאָנער, א קעמפער פאַר גערעכ־טיקייט און באַקעמפער פון אוממענטשלעכקייט, וואָס מען באַגייט קעגן די אינדיער אין דרום אפריקע, און שפּעטער — אויך אין אינדיע גופא.

אָט דער פּאַסיווער, באַשיידענער אינטעלעקטואל איז אויסגעוואַקסן יענע נאַכט אין אַ גיגאַנטישער און דינאַמי־שער פּערזענלעכקייט. אין זיינע מעמואַרן שרייבט גאַנדי, אז די נאַכט אויף פּיטערמאַריטצבורגער וואָקזאַל איז געווען דער וויכטיקסטער און אנטשיידנדיקער עפּיזאָד אין זיין לעבן.

דעם מישפּט פאַר זיינע קליענטן פון פּרעטאָריע האָט ער געוווּנען ניט גייענדיק אין געריכט. אָפּזייענדיק אין פּרעטאָריע א קורצע צייט איז אים געלונגען צו אָרגאַניזירן די אינדיער. דעם יונגן גאַנדי איז אין פּרעטאָריע און אויך אין אַנדערע פּלעצער געלונגען צו געווינען א סך אָנהענגער און מיטארבעטער, צו אָרגאַניזירן אַ ווידערשטאַנד קעגן די באַליידיקונגען וואָס אינדיער קומט אויס אויסצושטיין. אין פּרעטאָריע האָט ער ארויסגעלאָזן אַן אויפרוף צו די אינ־דיער, אז זיי זאָלן זאָגן דעם אמת, אפילו אין האַנדל. „נעמט אַן מער היגיענישע געוווינהייטן, פאַרגעסט די פאַרשיידענע

קאָסטעס און רעליגיעס, וועלכע צעטיילן איך און לערנט זיך ענגליש״.

ווען דאָס יאָר איז שוין געווען אריבער, עטלעכע טעג פאר זיין אָפּפאָרן פון אפריקע, האָט ער געזען אַ נאָטיץ אין אַ ציַיטונג, אַז צוויי גזירות קעגן אינדיער ווערן פאָרגעבראַכט אין נאַטאַלער פאַרלאַמענט, האָט זיין געזעלשאַפטלעכער פליכט אים געצוווּנגען צו אַנולירן זיין רייזע און קעמפן קעגן די געזעצן. ער האָט זיך גלייך געשטעלט אין פארבינדונג מיטן פרעמיער און אינערן־מיניסטער און געפאָדערט, אַז מען זאָל די געזעצן ניט פאָרברענגען. אים איז עס ניט געלונגען. די צוויי געזעצן זיינען אָנגענומען געוואָרן איינשטימיק. ער מיט זיינע מיטהעלפערס האָבן צוזאַמענגעקליבן בערך 10 טויזנט אונטערשריפטן און עס געשיקט צו דער רעגירונג אין ענגלאַנד און געפאָדערט, אַז די באַרבאַרישע געזעצן זאָלן צוריקגעצויגן ווערן. מען האָט די געזעצן צוריקגעהאַלטן, אָבער צוויי יאָר שפעטער, אין 1896, זיינען די צוויי געזעצן קעגן אינדיער אריין אין קראַפט: אַלע אינדיער אין נאַטאַל פארלירן זייער וואַלרעכט, און יעדער פארקאָנטראַקטירטער ארבעטער וואָס איז אריינגעקומען נאָך 1896 מוז פארלאָזן דרום אפריקע נאָך זיין פאַרענדיקן דעם פינף יאָריקן קאָנטראַקט, אין קעגנפאַל מוז ער זיך רעגיסטרירן און ארויסנעמען אַ יאָריקן פאַס פאר זיך און זיין פרוי. דאָס זעלבע פאַרפליכטעט יעדן יונגן אינדיער פון 16 יאָר און יעדע פרוי פון 13 יאָר. פאר דעם פאַס מוז יעדע פערזאָן צאָלן דריי פונט אַ יאָר. דאָס געזעץ האָט פארבאָטן צו באַשעפטיקן אינדיער פון דער קאַטעגאָריע, סיידן אזא איינער האָט אַ פאַס.

אָט די גזירה האָט געצוווּנגען א סך אינדיער צוריק צו פאָרן קיין אינדיע, אָבער דער גרעסטער טייל איז געבליבן דאָ, ווייל זיי האָבן ניט געהאַט נאָך וואָס צו פאָרן אהין — זיי האָבן געוווּסט אַז דאָרט דערוואַרט זיי הונגער און נויט.

די שווערע לאַסט פון צאָלן דריי פונט אַ יאָר האָט געבראַכט דערצו, אַז מאַנכע אינדיער האָבן גענומען גנבענען, פאַרנעמען זיך מיט שווינדלעריי, פרויען האָבן זיך פארנומען מיט פראָסטיטוציע, און מאַנכע זיינען באַגאַנגען זעלבסטמאָרד. (אגב איז אינטערעסאַנט, אַז קיין טייל פון דער היגער באַפעלקערונג האָט ניט אזא גרויסע צאָל זעלבסטמאָרדן ווי די אינדיער — אַמאָל און אויך היינט). בלויז אַ דריטל האָט געצאָלט דעם שטייער, די איבעריקע האָבן אויף פארשיידענע אופנים אויסגעמיטן צו צאָלן.

פון דאַן אָן איז מצד די אינדיער אָנגעגאַנגען א גרויסע

אגיטאַציע קעגן דער גזירה. גאַנדי מיט זיינע מיטהעלפערס — צווישן וועלכע ס'איז געווען אַ געוויסער פּראָצענט פּרויען — האָבן זיך אַריינגעוואָרפן אין קאַמף צו אַנולירן די געזעצן. גאַנדי פלעגט אַרויסלאָזן פלוג־בלעטער, בראָשורן, געשריבן צו די רעגירונגס־אַנשטאַלטן, בריוו אין די צייטונגען און אויך גערופן מאַסן־פּראָטעסט־פאַרזאַמלונגען. גאַנדי האָט אויסגעקליבן דאָס איינציקע געווער קעגן דער רעגירונג — קאַמף פון פּאַסיוון ווידערשטאַנד.

אין 1891 איז די באַפעלקערונג פון נאַטאַל געווען 455.983 אַפריקער, 46.788 ווייסע און 41.142 אינדיער. אין 1911 איז די אינדישע באַפעלקערונג אין נאַטאַל געווען 133.439 און די ווייסע באַפעלקערונג אַן ערך 98 טויזנט, ד"ה אַז די אינדישע באַפעלקערונג אין נאַטאַל האָט אַריבערגעשטיגן די ווייסע מיט איבער $35\frac{1}{2}$ טויזנט.

דער פאַקט וואָס די אַפריקער באַפעלקערונג האָט אין 11 יאָר זיך מער ווי פאַרדאָפּלט, האָט געשאַפן גרויס נויט צווישן זיי. דאָס האָט זיי געצוווּנגען צו שיקן זייערע קינדער אַרבעטן פאַר די ווייסע. אגב, האָבן שוין ביי די אַפריקער זיך אָנגעהייבן צו אַנטוויקלען אַזעלכע פאַרלאַנגען, וואָס זייער ביז דאַן פּרימיטיוו־לעבן האָט זיי שוין מער ניט געקענט צופרידנשטעלן.

די אַפריקער האָבן גענומען קאָנקורירן און אַרויסשטופן די אינדיער פון אַ סך עקאָנאָמישע פּאָזיציעס. דער פאַקט, וואָס די אַפריקער האָבן אַליין — אין פיל טויזנטער — גענומען אַרבעטן ביי די ווייסע, האָט שטאַרק דערמוטיקט די ווייסע הענדלערס, קרעמערס און געשעפטסלייט אָנצופירן אַ פאַרביסענעם קאַמף קעגן די אינדיער, אַז מען זאָל זיי ניט נאָר פאַרבאָטן אַריינצוקומען, נאָר אַפילו די, וועלכע זיינען דאָ, זאָל מען דעפּאָרטירן, ווייל די ווייסע האָבן זיך געהאַלטן ווי זיי וואָלטן האָבן דעם מאָנאָפּאָל אויף האַנדל.

אין 1896 איז גאַנדי געפאָרן קיין אינדיע ברענגען זיין פרוי און זיינע צוויי זין. ער איז מיט זיין משפּחה צוריקגעקומען אין נאַטאַל אין יאַנואַר 1897. גראָד אין דער זעלבער צייט איז אָנגעקומען נאָך אַ שיף פון אינדיע מיט אַן ערך 200 „פרייע" אימיגראַנטן. אַזוי גיך, ווי די ווייסע האָבן זיך דערוווּסט פון דעם, האָבן זיי גערופן מאַסן־פאַרזאַמלונגען און אַ מאַסן־דעמאָנסטראַציע. אַלע קראָמען פון די ווייסע זיינען געווען געשלאָסן, און מען האָט געפאָדערט פון דער רעגירונג, אַז מען זאָל די אינדיער פון די שיפן שיקן מיט גוואַלד צוריק. דער צאָרן ביי די ווייסע איז געווען גרויס. דער יוסטיץ־מיניסטער און דער הויפּט פון דער

פאָליציי האָבן זיי באַרואיקט און צוגעזאָגט, אַז מען וועט דורכפירן אַ געזעץ צו פאַרווערן די אימיגראַציע פון אינדיער. דער עולם האָט גאַנדין חושד געווען, אַז ער האָט עס אַראָפּגעבראַכט די אימיגראַנטן און די שנאה צו אים איז געוואָרן זייער שאַרף. ווען ער איז אָנגעקומען האָט מען אים געגעבן אַ וואָרעניש, אַז ער וועט דאַרפן אַראָפּגיין פון שיף נאָר ביינאַכט. אָבער ער האָט פון דעם ניט געוואָלט וויסן. ער איז אַרונטער פון שיף מיט אַ באַוווּסטן יוריסט, אַן ענגלענדער. גייענדיק אין אַ געוויסע געגנט פון דערבן האָט מען אים דערקענט און מען האָט אים גענומען באַוואַרפן מיט שטיינער, פיש און „טאָמאַטן“. ער איז געפאַלן אין חלשות. ווען ניט די פרוי פון פאָליציי־שעף, וואָס איז צופעליק פאַרבייגעגאַנגען און האָט פערזענלעך געקענט גאַנדין, וואָלט ניט אַפּעלירט צו דער מאַסע, וואָלט מען אים דאָרט געטויט. אין זעלבן אָוונט האָט אַן אויפגערעגטע מאַסע פון ווייסע אַרומגערינגלט דאָס הויז אין וועלכן ער האָט זיך געפונען און געשריען „הענגט גאַנדין!“ זיי האָבן געוואָרנט, אויב מען גיט אים ניט אַרויס וועלן זיי אונטערצינדן דאָס הויז. כדי צו ראַטעווען גאַנדין האָט דער פאָליציי־שעף אים אָנגעטאָן בגדים פון אַן אינדישן פאָליציאַנט.

דער אינדישער יישוב „פיניקס“ (Phoenix), וואָס גאַנדי האָט געגרינדעט לעבן דערבן, איז געוואָרן דער צענטער פון זיינע און אַלגעמיינע אינדישע אַקטיוויטעטן. פון דאָרט האָט גאַנדי געשיקט זיינע פּראָטעסטן צו דער רעגירונג, הויפּטזאַכלעך צו גענעראַל סמאַטס, דעמאָלטדיקער יוסטיץ־מיניסטער. ער האָט געשיקט קאָרעספּאָנדענציעס צו די צייטונגען, אָרגאַניזירט פּראָטעסט־פאַרזאַמלונגען, געעפנט אָפּטיילונגען פון נאַטאַל און פון טראַנסוואַלער אינדיער קאָנגרעס, וועלכן ער האָט געגרינדעט. אין 1903 האָט גאַנדי אַרויסגעגעבן אַ וועכנטלעכע צייטונג ‘‘Indian Opinion’’ אין דריי שפּראַכן: אין ענגליש און אין צוויי פון די הויפּט אינדישע שפּראַכן. (אָט די צייטונג גייט נאָך עד־היום אַרויס אין „פיניקס“. נאָך גאַנדיס פאַרלאָזן דרום אַפריקע האָט עס זיין ניט לאַנג פאַרשטאָרבענער זון רעדאַגירט, און איצט רעדאַגירט עס זיין שנור).

גאַנדיס סעקרעטאַרין איז געווען אַ יידיש מיידל מיטן נאָמען סאָניע שלעזין. זי איז געוואָרן אַזוי אַריינגעצויגן און פאַראינטערעסירט אין דער אַרבעט — אין קאַמף קעגן אומרעכט — אַז זי האָט געאַרבעט אַ סך שעהן פאַר אַ קליין געהאַלט. גאַנדי האָט געזאָגט, אַז מיר פלעגן באַטראַכטן פרל׳ שלעזין ווי אַ מיטגליד פון אונדזער מישפּחה. זיינע צוויי הויפּט־מיטאַרבעטער זיינען געווען יידן: הערמאַן קאַלענ־

באַך, אַן אַרכיטעקט, וואָס איז געווען באַגייסטערט פֿאַר גאַנדין. ער איז געווען אַ טאָלסטאָיאַנער (אַפֿילו קיין לעדערנע שיך ניט געטראָגן). ער האָט געגרינדעט אַ פֿאַרם ניט ווייט פֿון יאָהאַנעסבורג, וואָס טראָגט נאָך עד־היום דעם נאָמען פֿון טאָלסטאָי. דאָרט איז געווען דער צענטער פֿון זייערע אַקטיוויטעטן. נאָך גאַנדיס פֿאַרלאָזן דרום אַפֿריקע האָט זיך הערמאַן קאַלענבאַך צוריקגעצויגן פֿון אַקטיווער אַרבעט. ער איז געשטאָרבן אַן איבערצייגטער טאָלסטאָיאַנער. דער צווייטער איז געווען הענרי פּאָלאַק, אַן אידעאַליסטישער יונגער יוריסט, וואָס איז געווען באַאײַנפֿלוסט פֿון גאַנדיס אידעען און הויפּטזאַכלעך פֿון זײַנע מעטאָדן אין קאַמף קעגן אומרעכט. אין 1910 האָבן אים די אינדיער געשיקט קיין אינדיע צו ווירקן אויף דער רעגירונג, אַז זי זאָל פֿאַרבאָטן שיקן פֿאַרקאָנטראַקטירטע אַרבעטער. ווען ער איז צוריקגעקומען מיט דער פֿאַרזיכערונג, אַז די רעגירונג האָט מסכּים געווען דערויף, האָבן אים די אינדיער פֿון דערבן געגעבן אַ גראַנדיעזן און האַרציקן קבלת־פּנים. נאָך גאַנדיס פֿאַרלאָזן דרום אַפֿריקע האָט פּאָלאַק זיך באַזעצט אין ענגלאַנד.

אין 1906 האָט מען דורכגעפֿירט אַ געזעץ אין טראַנסוואַל, אַז אינדיער, סײַ מענער און סײַ פֿרויען, מוזן זיך רעגיסטרירן און טראָגן אַן אידענטיפֿיקאַציע־קאַרטע. די וועלכע האָבן עס ניט וועט מען דעפּאָרטירן. דאָס האָט אַרויסגערופֿן צאָרן, איבערהויפּט צוליב דעם וואָס פֿרויען דאַרפֿן עס אויך האָבן. אין 1907 האָט מען אָרגאַניזירט דעם ערשטן פּאַסיוון ווידערשטאַנד קעגן די נײַע געזעצן אין טראַנסוואַל. די אָנטיילנעמערס זײַנען געווען הויפּטזאַכלעך הענדלערס. אין 1908 האָט מען דורכגעפֿירט אַ געזעץ, אַז אָן וועלכע עס איז סיבות קען מען פֿאַרווערן אַן אינדיער צו האַנדלען. אין זעלבן יאָר האָט מען דורכגעפֿירט אַ געזעץ אַז אינדיער טאָרן ניט אַריבערגיין פֿון איין פּראָווינץ אין דער צווייטער אָן דער דערלויבעניש פֿון דער רעגירונג (דער פֿאַרבאָט עקסיסטירט נאָך עד־היום). אין 1913 איז געקומען אַ נײַע גזירה, אַז די רעגירונג אָנערקענט ניט די רעליגיעזע חתונות פֿון די אינדיער. דאָס, צוזאַמען מיט אַנדערע גזירות אויף אינדיער, האָט געשאַפֿן אַ צושטאַנד, וואָס האָט פּשוט ניט מיגלעך געמאַכט פֿאַר די אינדיער צו עקסיסטירן. האָט גאַנדי, מיט זײַנע איבערגעגעבענע מיטאַרבעטערס אָרגאַניזירט אַ גרויסן פּאַסיוון ווידערשטאַנד־פּראָטעסט אין דער פֿאָרם פֿון אַ פּראָטעסט־מאַרש קיין טראַנסוואַל, ווו עס איז געווען פֿאַר אינדיער פֿאַרבאָטן אַרײַנצוקומען.

דער אָרגאַניזירטער מאַרש האָט זיך אָנגעהייבן פֿון

„פיניקס". מען האָט ארויסגערופן די פיר טויזנט אינדיער קוילן־גרובן־ארבעטער, די צוקער פלאַנטאַציע ארבעטער, א גרויסע צאָל הויז־באַדינערס און סתם ארבעטער, זיי זאָלן שטרייקן, אָדער אָנשליסן זיך אָן דעם פּראָטעסט־מאַרש. עס האָבן זיך אויך אָנגעשלאָסן אָן דעם מאַרש קרעמער, הענד־לער און אנדערע. דאָס איז געווען איינע פון די מעכטיקסטע פּראָטעסט־דעמאָנסטראַציעס. אויפן וועג קיין טראַנסוואַל האָבן זיך אָנגעשלאָסן נאָך אינדיער. אלע זיינען געווען באַ־זאָרגט מיטן מינימום עסן און טרינקען. דער פּאַסיווער ווידערשטאַנד־פּראָטעסט־מאַרש האָט דיסאָרגאַניזירט די נאַ־טאַלער אינדוסטריע, אגריקולטור אא"וו.

ווען די ווייסע אין פאָלקסראסט, ביים טראַנסוואַלער גרענעץ, האָבן זיך דערוווסט וועגן דעם מאַרש, האָט מען גלייך גערופן אַ מאַסן־פאַרזאַמלונג, צו וועלכער עס איז גע־קומען כמעט די גאַנצע ווייסע באַפעלקערונג. די שטימונג אויף דער פאַרזאַמלונג איז געווען זייער א בייזע און עטלע־כע ווייסע האָבן געזאָגט, אז זיי וועלן האלטן א רעוואָלווער אין יעדער האַנט און שיסן אויף די ערשטע אינדיער, וועל־כע וועלן באטרעטן די ערד פון פאָלקסראסט. הערמאַן קאַ־לענבאַך האָט זיך דערוווסט פון דער פאַרזאַמלונג און האָט אַדרעסירט דעם געפּאַקטן זאַל. ער האָט זיי דערקלערט, אז די אינדיער מיינען ניט צו טאָן די ווייסע קיין שלעכטס, דער מאַרש איז נאָר א פּראָטעסט קעגן די ניט מענטשלעכע געזעצן, וואָס מען האָט דורכגעפירט קעגן די אינדיער. אים איז דורך זיין האַרציקער און שיינער רעדע געלונגען צו באַרואיקן די ווייסע.

אין מיטן פון דעם מאַרש האָט מען ארעסטירט גאַנדין. קאַלענבאַך האָט איבערגענומען די פירערשאַפט, האָט מען אים אויך ארעסטירט. דערנאָך, ווען פּאָלאַק האָט איבערגע־נומען די פירערשאַפט, האָט מען אויך אים ארעסטירט. אלע דריי זיינען געזעסן אין טורמע אין פאָלקסראַסט. מען האָט יעדערן פון זיי פאַרמישפּט אויף דריי חדשים שווערע אר־בעט. דער פּראָטעסט־מאַרש האָט ארויסגעבראַכט צוזאַ־מענשטויסן צווישן די מאַרשירער און דער פּאָליציי. א סך האָט מען צעמזיקט און עס זיינען געפאַלן מענטשלעכע קרב־נות. די מינען־ארבעטער און די איבעריקע האָט די רעגי־רונג געשיקט מיטן באַן צוריק קיין נאַטאַל.

אָט דער פּראָטעסט־מאַרש האָט ארויסגערופן א גרויסע אויפרודערונג אין דער וועלט, הויפּטזאַכלעך אין דער ענג־לישער אימפעריע. די דרום אפריקאנער רעגירונג איז געוואָרן זייער באַאומרואיקט. מ׳האָט גלייך באַפרייט די דריי פירערס. גענעראַל סמאַטס, דער יוסטיץ־מיניסטער, האָט זיך גלייך

קאָמוניקירט מיט גאַנדין. נאָך א לאַנגן אויסטויש פון בריוו צווישן גאַנדין און סמאַטסן, האָט מען באַשטימט א פּלאַץ, ווו און ווען צו טרעפן זיך און זען צו קומען צו א פּאַר־שטענדעניש (אגב, איז אינטערעסאַנט צו וויסן, אז גאַנדי האָט קאטעגאָריש געזאָגט גענעראַל סמאַטסן, אז אלע אָפּ־מאַכן אין דער צוקונפט, וויל ער, זאָלן זיין שריפטלעך, ווייל פריערדיקע מינדלעכע אָפּמאַכן זיינען איגנאָרירט געוואָרן. גענעראַל סמאַטס האָט אים געענטפערט אויף דעם, אז דאָס זיינען געווען מיספארשטייענישן). גענעראַל סמאַטס און גאַנדי זיינען געקומען צו אַ הסכם איבער דריי פּונקטן: 1) אז מען שאַפט־אָפּ דעם שטייער פון דריי פונט אַ יאָר און אלע ניט באַצאָלטע שטייער־חובות ווערן אַנולירט; 2) מען אַנערקענט פאַר געזעצלעך אלע אינדישע רעליגיעזע חתו־נות, און פרויען און קינדער פון אינדיער, וועלכע וווינען דאָ, ווערט דערלויבט צו קומען קיין דרום אפריקע; 3) די דרום אפריקאַנער רעגירונג אונטערנעמט זיך צו צאָלן די רייזע־הוצאות פון אינדיער מיט זייערע מישפּחות וועלכע ווילן צוריקפאָרן קיין אינדיע. גאַנדי איז געווען זייער צו־פרידן פון דעם אָפּמאַך. ער האָט געדריקט גענעראַל סמאַטסן די האַנט און געזאָגט, אז פון איצט אָן ווערט די באַוועגונג פון פּאַסיוון ווידערשטאַנד קעגן דער רעגירונג אין גאַנצן צוריקגעצויגן. אגב, האָט זיך פון דאַן אָן אַנטוויקלט אַ שטענדיקע פריינדשאַפט צווישן דיביידע.

גאַנדי האָט פארלאָזן דרום אפריקע אין יולי 1914 ווי אַ זיגער און ביי דער אינדישער באַפעלקערונג האָט עס ארויסגערופן טרויער.

די פּראָגרעסיווע און פארשטענדיקע אינדיער זיינען ניט געווען באַפרידיקט פון דעם, באַקאַנטן, אלס „סמאַטס־גאַנדי־אָפּמאַך". גענעראַל סמאַטס האָט צוריקגעצויגן צוויי גזירות און האָט איבערגעלאָזן א סך באַליידיקנדיקע געזעצן קעגן די אינדיער, ווי: זייער רעכטלאָזיקייט; די שאַרפע באַגרענעצונגען און דיסקרימינאַציעס אין האַנדל; דאָס ניט טאָרן באַזיצן קיין לאַנד און אומבאַוועגלעכע אייגנ־טימער (אין ניט אינדישע געגנטן) אין טראַנסוואַאַל; דער פארבאָט פון פרייער באַוועגונג פון איין פּראָווינץ צו דער צווייטער; דער אבסאָלוטער פאַרבאָט פאַר אינדיער צו וווינען אין פריי־שטאַט פּראָווינץ און נאָך אנדערע גזירות.

דער סמאַטס־גאַנדי־אָפּמאַך האָט אָבער ניט פארקלע־נערט דעם שאַרפן פּאָראורטייל, וואָס די ווייסע האָבן געהאַט קעגן די אינדיער.

ניט לאַנג נאָך גאַנדיס פארלאַזן דרום אפריקע האָט אויסגעבראָכן די ערשטע וועלט־מילחמה. דער פאַקט, וואָס

אינדיע האָט צוגעשטעלט א גרויסע ארמיי, און דאָס וואָס א סך אינדיער אויך הי האָבן זיך אָנגעשלאָסן אין קאַמף קעגן ענגלישן שונא (די ענגלענדער אין דרום אפריקע, ווי אין אנדערע קאָלאָניעס, זיינען געווען מער פּאַטריאָטיש ווי די ענגלענדער אין ענגלאַנד גופא), האָט אָפּגעטעמפּט די שאַרפע העצע און שינאה קעגן אינדיער. נאָך א פאַקטאָר איז געווען דאָס וואָס דער מיטל־קלאַס — געשעפטסלייט, הענדלער, קרעמער און ספּעקולאַנטן — סיי ווייסע און סיי ניט ווייסע — האָבן געמאַכט קאָלאָסאַלע פּראָפיטן צוליב דער מילחמה. עס האָבן געפעלט ארבעטס־הענט און די שכירות איז כסדר געשטיגן. פּונקט ווי די ווייסע, אזוי אויך די אינדיער — מיטלקלאַס און ספּעקולאנטן — זיינען רייך געוואָרן פון דער מילחמה.

נאָך דער מילחמה איז געקומען אַן עקאָנאָמישער קריזיס. די אינדיער זיינען ווידער געוואָרן דער שעיר־לעזאזל.

ווען אין 1924 האָט זיך געשאַפן א קאָאַליציע־רעגירונג פון די נאַציאָנאַליסטן און דער ארבעטער־פּאַרטיי (ווייסע), זיינען די באַגרענעצונגען קעגן די אינדיער געוואָרן שאַרפער.ביידע פּארטייען האָבן ארויסגעוויזן א שטאַרקן אנטאַגאָניזם צו די אינדיער. די אינדיער אין דערבן האָבן גערופן אַ מאַסן פּראָטעסט־פארזאמלונג אין שטאָט־זאַל, אויף וועלכער עס זיינען געקומען פיר טויזנט אינדיער. די דעמאָנסטראַציע האָט געהייסן „נאַציאָנאַלער טאָג פון געבעט“ קעגן נייע גזירות. די אינדיער האָבן אויך געשיקט אַ דעלעגאציע קיין אינדיע.

די היגע אינדישע פאָרשטייערס איז געלונגען צו פּועלן ביי דער רעגירונג צו באַהאַנדלען אָנגעוויקלטע אינדישע פּראָבלעמען מיט פאָרשטייערס פון אינדיע. די קאָנפערענץ איז פאָרגעקומען אין 1926 און איז היסטאָריש באקאנט געוואָרן ווי די „קייפּטאָנער קאָנפערענץ“. די פאָרשטייערס פון אינדיע זיינען געווען באַוווּסטע פּערזענלעכקייטן און פון דער היגער רעגירונג איז געווען דער פאָרשטייער ד״ר מאַלאַן, דער אינערן־מיניסטער. נאָך לאַנגע אונטערהאנדלונגען האָט מען באשלאָסן דאָס פאָלגנדיקע: די דרום אפריקאַנער רעגירונג אונטערנעמט זיך צו פארלייכטערן געוויסע געזעצן און צו שאַפן הילף און גינסטיקע באַדינגונגען פאר בילדונג און בכלל צו פאַרבעסערן דעם וווילזיין פון די אינדיער; צו שאפן ארבעטס־מעגלעכקייטן און וווינונגען; אינדיע זאָל דאָ האָבן א שטענדיקן פאָרשטייער. ד״ר מאַלאַן האָט אויף דער קאָנפערענץ דורכגעפירט א דיפּלאָמאַטישע אַטראַקציע ווי אזוי פּטור צו ווערן פון די אינדיער, און דאָס איז: די דרום אפריקאַנער רעגירונג גיט פריי רייזע־הוצאות

פלוס צוואנציק פונט פאַר יעדן אינדיער (מאַן אָדער פרוי איבער דעם עלטער פון זעכצן יאָר, און צען פונט פאַר יעדן אינדיער אונטער 16 יאָר), וואָס פאָרט צוריק קיין אינדיע און אַז אינדיע דאַרף זאָרגן, אַז זיי זאָלן דאָרט קריגן אַרבעט. אגב, איז דאָס ניט דעם ערשטן מאָל וואָס די היגע רעגירונג האָט זיך געווענדעט צו די אינדיער מיט אַן ענלעכן אָנבאָט, אָבער ניט מיט אַזאַ גרויסער סומע געלט. אין די צוויי יאָר 1927־8 האָבן אויסגענוצט 6452 נפשות די אָנלאָקנדיקע סו־מע, אָבער דערנאָך זיינען גאָר ווייניק געפאָרן. אַ סך זיינען שפּעטער צוריקגעקומען און געדאַרפט צוריקצאָלן אין דריי יאָר, וואָס די רעגירונג האָט אויסגעגעבן פאַר זייער רייזע.

די „קייפּטאָונער קאָנפערענץ" האָט שטאַרק סטימולירט און דערמעגלעכט, אַז אינדיער זאָלן קענען באַפרידיקן אין אַ גרעסערער מאָס דעם דראַנג נאָך בילדונג. בילדונג איז געוואָרן ניט נאָר אַ לייטער צו אַ מער קולטורעלן לעבן, נאָר אַן אַבסאָלוטע עקאָנאָמישע נויטווענדיקייט. עקאָנאָמיש איז די אָרעמע מאַסע אינדיער געווען צווישן האַמער און קאָ־וואַדלע. די אויפוואַקסנדיקע אַפריקער־מאַסע האָט געגומען אַרויסשטופּן, אין די שטעט און אין די צוקער־פּלאַנטאַציעס, די אינדיער פון שוואַרצער אַרבעט. פון דער צווייטער זייט האָבן די ווייסע דורך ספּעציעלע געזעצן רעזערווירט געווי־סע אַרבעט נאָר פאַר ווייסע — „ראַסן אַרבעטס־באַגרענע־צונגען" (Job Reservation: Civilised Labour Policy) אַזוי אַרום האָט מען אַרויסגעשטופּט אַ סך אינדיער פון אַרבעטס־מאַרק. דעריבער איז בילדונג געוואָרן אַ נויט־ווענדיקייט צו פאַרבעסערן זייערע מיגלעכקייטן צו קריגן אַרבעט.

עס האָבן זיך געגרינדעט אַ סך מיטל־שולן; סאַסטריס הויך־שול איז שפּעטער געוואָרן דער וויכטיקסטער בילדונג־און קולטור־צענטער פאַר אינדיער. אין סאַסטריס הויך־שול איז אויך פאַראַן אַ סעמינאַר פאַר אינדישע לערערס. אין נאַטאַל זיינען איצט דאָ מער ווי צוויי טויזנט אינדישע לע־רערס. די ערשטע פאַך־שול פאַר אינדיער איז געגרינדעט געוואָרן ערשט אין 1950. עס האָבן זיך געגרינדעט נאָך הויכשולן. אַ היפּשע צאָל אינדיער האָבן געגומען באַזוכן די אוניווערסיטעטן, און מאַנכע רייכע האָבן געשיקט זייערע קינדער שטודירן אין אויסלאַנד. אַזוי אַרום האָט זיך געגו־מען אַנטוויקלען אַן אינטעליגענץ מיט הויך־שול און אַקאַ־דעמישער בילדונג. די דערגרייכונגען אין פרט פון בילדונג איז אָנגעקומען די אינדיער זייער שווער. אויף יעדן טריט און שריט האָבן זיי זיך אָנגעשטויסן אויף שוועריקייטן, דיס־קרימינאַציע און אַנטוישונגען. בילדונג פאַר אינדיער איז

ניט, ווי דאָס איז פאַר ווייסע — אָבליגאַטאָריש. די אינדיער אין נאַ־אַל
בויען זייערע אייגענע שולן פאַר וועלכע די רעגירונג גיט
סובסידיעס און צאָלט פאַר די לערערס. אגב איז די שכי־
רות פאַר אַן אינדישן לערער אַ העלפט און אָפט נאָך ווייני־
קער ווי פון א ווייסן לערער.

די לאַגע פון די אָרעמע מאַסן אינדיער, וואָס האָבן זיך
אַלץ מער געצויגן צו די שטעט וואָלט געווען א סך ערגער,
ווען ניט דער גרויסער שוווּנג פון אינדוסטריאַליזאַציע וואָס
האָט אבסאָרבירט א סך טויזנטער אינדישע ארבעטער (אַ
דריטל פון די אינדישע ארבעטער זיינען היינט האַלב־קוואַ־
ליפיצירטע). עס האָט לאַנג ניט געדויערט און עס האָבן זיך
גענומען פאָרמירן גוט אָרגאַניזירטע פּראָפעסיאָנעלע פאַר־
איינען, הגם די רעגירונג אנערקענט נאָר די יוניאָנס פון די
ווייסע.

ד״ר מאַלאַן, דער אינערן־מיניסטער, האָט אויף א קאָנ־
פערענץ פון דער נאַציאָנאַליסטישער פאַרטיי אין 1931 גע־
זאָגט: „דער בעסטער וועג ווי צו האַנדלען מיט דעם אינ־
דיער־פּראָבלעם איז פּטור צו ווערן פון זיי״. אויף ווי ווייט
די דרום אפריקאַנער רעגירונג וויל פּטור ווערן פון די אינ־
דיער קען דינען דער פאַלגנדיקער פאַקט: אויף דער צווייַ־
טער (און לעצטער) קאָנפערענץ צווישן פאָרשטייער פון
אינדיע און דער היגער רעגירונג, אין 1933, האָט ד״ר מאַ־
לאַן געזאָגט גאַנץ קלאָר, אז ער איז אנטוישט פון דעם וואָס
זיין פּראָיעקט פון עמיגראַציע פון די אינדיער איז געווען
אַ דורכפאַל. ער האָט אויף דער קאָנפערענץ פאָרגעשלאָגן,
אז מען זאָל זיך ווענדן צו דער ענגלישער רעגירונג וועגן
באַשטימען א קאָלאָניע, וווּ די היגע אינדיער זאָלן זיך קענען
באַזעצן.

אין טראַנסוואַל איז צווישן דער ערשטער און צווייטער
וועלט־מלחמה פאָרגעקומען א שטאַרקע ראַסן־האַס־אַגיטאַ־
ציע קעגן די אינדיער, מען האָט גערופן זיי צו באָיקאָטירן.
צב״ש, די דאַטש־רעפאָרמירטע־קירך אין בעטהעל האָט אָנ־
גענומען א רעזאָלוציע, אז קיין מיטגליד פון קירך זאָל ניט
האַנדלען מיט קיין אינדיער, ווייל דאָס איז קעגן די אינטע־
רעסן פון דער גאַנצער נאַציע. מיטגלידער פון דער קירך־
עקזעקוטיוו זיינען געגאַנגען פון הויז צו הויז אינפאָרמירן
די אפריקאַנער וועגן דער רעזאָלוציע. בעטהעל איז ניט
געווען קיין אויסנאַם. אין ספּרינגס האָט דער פאָרזיצער
פון האַנדלס־קאַמער געזאָגט, אז די וועלכע האַנדלען מיט
אינדיער דאַרף מען ארויפשטעלן אויף דער שוואַרצער־
ליסטע. אין 1935 האָט די פרוי פון דעמאָלטיקן פאָרזיצער
פון פּאַרלאַמענט, און שפּעטער פון גענעראַל־גובערנאַטאָר

— פרוי יאַנסען — געזאָגט אויף א מאַסן־פאַרזאַמלונג פון פרויען: „עס איז פאַרדריסלעך וואָס ווייסע שטיצן אזיער. יעדע פעני וואָס אן אפריקאַנער גיט אויס ביי אַן אזיער קרעמער ברענגט ער נענטער דעם אונטערגאַנג פון אפ־ריקאַנערטום".

* * *

ווען גאַנדי האָט פאַרלאָזן דרום אפריקע האָט ער אויף זיין אָרט קיין שטעלפאַרטרעטערס ניט איבערגעלאָזן. סיי דער נאַטאַלער, סיי דער טראַנסוואַלער און שפעטער אויך דער דרום אפריקאַנער אינדיער קאָנגרעס איז געלעגן אין די הענט פון פארמעגלעכע קאָנסערוואַטיווע הינדוסן און מאַכמעדאַנער. זיי האָבן געהאַלטן פון שתדלנות־פּאָליטיק. די רעליגיעזע זיינען געווען פאַסיוו צו די באַגרענעצונגס־געזעצן. זיי האָבן באַטראַכט די גזירות ווי דאָס וואָלט גע־ווען „זייער שיקזאַל", „דער ווילן פון גאָט"; אַנדערע האָבן עס באַטראַכט, אז פון מער ליידן וועלן זיי געלייטערט ווערן אויף יענער וועלט. מאַנכע זיינען געווען פאַראינטערעסירט, אז עס זאָל וואָס ווייניקער אָנגרייפן זייערע קעשענעס און פאַרדינסטן. אין פראָצעס פון די פיל יאָרן האָט די רעגי־רונג באַשטימט א סך ספּעציעלע קאָמיסיעס צו באַהאַנד־לען אינדיער פראַגן, אויף יעדע קאָמיסיע האָבן די אינדיער פאָרשטייערס פון קאָנגרעס געקעמפט קעגן פאַראורטיילן און פאַלשע אינפאָרמאַציעס.

די אינדישע אינטעליגענץ, זייערע פּראָפעסיאָנעלע פאַר־איינען און דער אינדישער מאַסן־מענטש האָבן זיך אָרגאַני־זירט, און — סוף אָקטאָבער האָט מען ביי די וואַלן — סיי פון אינדישן קאָנגרעס אין נאַטאַל און פון קאָנגרעס אין טראַנסוואַל — ארויסגעוואָרפן די אזוי גערופענע „אַלטע גוואַרדיע", וואָס איז געווען ביי דער מאַכט א סך יאָרן. עס איז אויסגעקליבן געוואָרן אַן עקזעקוטיוו פון דעמאָקראַטי־שע, פּראָגרעסיווע און לינקע. די נייע רעוואָלוציאָנערע פי־רערשאַפט האָט געזאָגט אין זייערע רופן אומגעפער אזוי: שתדלנות פירט צו גאָר נישט. די רעגירונג רעכנט זיך ניט מיט די אינדיער. גענוג זיך לאָזן שפּייען אין פּנים! מיר בעטלען מער ניט רעכט צו לעבן. מיר מוזן קעמפן קעגן ראַסן־דיסקרימינאַציע־געזעצן און פאָדערן גלייכע מענטש־לעכע רעכט. מיר זיינען פול־באַרעכטיקטע בירגער פון לאַנד. קאָליר פון הויט און דיסקרימינאַציע איז דירעקט פאַרבונדן מיט דער סיסטעם פון שקלאַפעריי און אל־טערטום. באַפרייאונג פון ראַסן־דיסקרימינאַציע איז אַ וועלט־פּראָבלעם, דעריבער דאַרפן מיר זיך ווענדן צו יונא וועגן דעם ענין. כדי צו באַקעמפן ראַסן־דיסקרימינאַציע

— האָבן זיי געזאָגט — מוזן מיר קעמפן צוזאַמען מיט די, וועלכע ליידן פון דעם אַזוי ווי מיר, דאָס הייסט, מיר מוזן קעמפן צוזאַמען מיט די אַפריקער און קאָלירטע. די אינדיער צוזאַמען מיט די אַפריקער האָבן אָרגאַניזירט פּאַסיווע מאַסן־פּראָטעסטן קעגן נייע גזירות. מען האָט אַ סך הונדערטער פון זיי אַרעסטירט. אַנדערע האָט מען אַפילו געשלאָגן.

די נייע אינדישע פירערס האָבן צוזאַמען מיט די אַפריקער, קאָלירטע און פּראָגרעסיווע ווייסע גרופּן ענדע יוני 1955 אַ גרויסע לאַנד־קאָנפערענץ אויף וועלכער עס זיינען געווען פאַרטראָטן הונדערטער דעלעגאַטן פון גאַנצן לאַנד. דאָרט האָט מען אָנגענומען אַ נייע קאָנסטיטוציע פאַר אַלע בירגער פון לאַנד — מען האָט עס אָנגערופן „פרייהייטס־טשאַרטער". עס ווערט דאָרט געזאָגט, אַז אונטער אַ דעמאָקראַטישער קאָנסטיטוציע קען ניט זיין קיין דיסקרימינאַציע פון קאָליר און ראַסע, אָדער באַגרענעצונגען פון מענטשלעכע רעכט. אַלע בירגערס דאַרפן האָבן די זעלבע רעכט און מעגלעכקייטן. די רעגירונג באַטראַכט דעם „פרייהייטס־טשאַרטער" ווי אַ קאָמוניסטישן מאַניפעסט.

* * *

זינט 1948, ווען די איצטיקע נאַציאָנאַליסטישע פּאַרטיי איז אַריין אין מאַכט, איז די לאַגע פון די אינדיער געוואָרן אַ סך ערגער. די רעגירונג רעכנט זיך אַבסאָלוט ניט מיט דעם בייטראַג וואָס די אינדיער האָבן געבראַכט פאַרן לאַנד. צב"ש דרום אַפריקע פּראָדוצירט אַ מיליאָן טאָן צוקער אַ יאָר. אינדיער זיינען געווען די, וועלכע האָבן געלייגט דעם גרונטשטיין פאַר דער פּראָדוקציע. די רעגירונג האַלט אינדיער פאַר איבעריקע אין לאַנד און פילט ניט קיין התחייבותן לגבי זיי.

פּ. ש. דזשאָשי (P. S. Joshi) רעכנט אויס אין זיין בוך, „די טיראַניע פון קאָליר", אַז ביזן סוף 1941 האָט מען איינגעפירט 64 דיסקרימינאַציע־געזעצן קעגן די אינדיער אין דרום אַפריקע (אַגב זאָגט ער אין זיין בוך וועגן דער שטעלונג פון יידן צו די אינדיער: אויסערלעך זיינען די יידן סימפּאַטיש צו די אינדיער, אָבער אינערלעך — אַנטיפּאַטיש. ווייל די יידן ווילן אַרויסשטופּן די אינדיער פון קאָמערץ־פעלד). זינט די איצטיקע רעגירונג איז אַריין אין מאַכט, האָט מען אַריינגעבראַכט נייע דיסקרימינאַציע־ געזעצן קעגן די אינדיער און אַלע באַציאונגען מיט אינדיע און פּאַקיסטאַן זיינען איבערגעריסן געוואָרן.

דער שאַרפסטער געזעץ איז, אַז ניט־ווייסע מוזן לעבן און האָבן זייערע געשעפטן און פאַבריקן אין באַזונדערע

אַפּגעזונדערטע ראַסן־זאָנעס. דאָס געזעץ איז באַקאַנט אונטערן נאָמען Group Area Act און איז אריין אין קראַפט אין יאָר 1958. דאָס איז אַ גרויזאַמע גזירה, וואָס צעשטערט די איינגעזעסנקייט פון די אינדיער. מאַנכע האָבן געהאַט געשעפטן און געלעבט אין זעלבן פּלאַץ דריי דורות, וויל מען זיי ארויסשיקן פון דאָרט, ווייל די פּלעצער זיינען רעזערווירט געוואָרן, לויט דער נייער פאַרטיילונג, נאָר פאַר ווייסע. די 54—63 טויזנט נפשות, וואָס מען וויל ארויסווארפן פון זייערע פּלעצער, שטייט פאָר צו פאַרלירן מיליאָנען פונטן אָן אויסזיכטן פאר זייער ווייטערדיקער עקסיסטענץ־מיגלעכקייט. דאָס איז אַ ראַסן־אַקט, וואָס צילט צו רואינירן טויזנטער אינדיער. אַן אנדער געזעץ פאַרבאָט אינדיער צו שטודירן אין די אוניווערסיטעטן, אין וועלכע זיי האָבן זיך ביז איצט געלערנט. מען שטעלט כלומרשט אויף אַן אוניווערסיטעט בלויז פאַר אינדיער.

ד״ר ש. קופּאַן זאָגט: „די שרעק פון די ווייסע פאר די ניט־ווייסע איז ענלעך צו א צירק־טרענירער, וואָס האָט נאָך א לאנגע צייט אויסגעטרענירט חיות און דאָך האָט ער מורא, אז זיי זאָלן אים ניט אַטאַקירן. איז דאָס דערפאר וואָס אין זיין אונטערבאוווסטזיין ליגט די שרעק פאר דער שולד וואָס ער האַלט זיי אין אַ שטייג?“.

* * *

די לאגע איצט איז אַן ערך אזוי: לויט דער פאָלקס־ציילונג אין 1960 באשטייט די אינדישע באפעלקערונג פון כמעט א האלבן מיליאָן מענטשן — ד״ה עפּעס מער ווי דריי פּראָצענט פון דער אלגעמיינער באפעלקערונג. 82½ פּראָצענט לעבן אין נאַטאַל. אין פריי־שטאַט געפינען זיך אין גאנצן זעכצן אזיער (אינדיער און כינעזער). פון דער אינדישער באפעלקערונג זיינען אַן ערך 72 פּראָצענט הינדוסן, 18 פּראָצענט מאַכמעדאנער און 6 פּראָצענט קריסטן. 95 פּראָצענט פון דער אינדישער באפעלקערונג זיינען היגע געבוירענע, מאַנכע פון זיי זיינען שוין דער פינפטער דור. די צאָל פרויען איז כמעט די זעלבע ווי מענער. טראָץ דעם וואָס עס זיינען פאַראַן אינדישע מיליאָנערן און זייער רייכע געשעפטסלייט און פאַבריקאַנטן (אַן ערך 30 אינדוסטריעלע אונטערנעמונגען) זיינען לויט ד״ר ש. קופּאַן, 75 פּראָצענט פון דער אינדישער באפעלקערונג אזוי אָרעם, אז זיי פאַרדינען קוים פופצן פונט א חודש. זיי לעבן אין שרעקלעכע וווינונג־באדינגונגען און אין דחקות. ארבעטלאָזיקייט איז אַ שטענדיקע דערשיינונג.

די גאָר גרעסטע מערהייט זיינען צוריקגעשטאַנען, און ביי דעם עלטערן דור איז אנאלפאַבעטיזם גרויס. עס איז

פאראַן א גרויסע מחיצה צווישן אלטן און יונגן דור, אָבער דער יונגער דור איז ניט אַגרעסיוו.

דאָס קאַסטע־לעבן, רעליגיעזע מנהגים, ריטואַלן, טראַדיציעס און אָבערגלויבנס איז נאָך שטאַרק איינגעוואָרצלט ביי דעם רוב אינדיער אין דרום אפריקע. אין דעם פּרט לעבן זיי נאָך מיטן אמאָל. ווען א הינדו האָט חתונה מיט אַ מאַכמעדאנער, אָדער פארקערט, אָדער עמעצער פון אַ העכערער קאַסטע מיט איינעם פון אַ נידעריקער — ווערט דאָס ביי זיי באטראכט פאר אן אומגליק אין דער מישפּחה. זיי האלטן אז ליבע קומט נאָך דער חתונה. קראנקייטן — איז אַ רעזולטאַט פון שולד און זינד.

די אינדיער לעבן אן אייגנאַרטיקן פאַמיליע־לעבנשטייגער. די עלטערן לעבן צוזאַמען מיט זייערע פאַרהייראַטע זין און זייערע מישפּחות (אינטערעסאנט, אז נאָר א זון מוז זאָגן די תפילה ביי דער קבורה פון די עלטערן — ענלעך ווי ביי יידן קדיש). די עלטערן האַלטן זייער אַ שטרענגע דיסציפּלין.

עס זיינען פאראַן ביי די אינדיער אינסטיטוציעס פאר בלינדע, פאר טובערקולאָזע און עטלעכע שפּיטאָלן. אָבער צוליב דעם, וואָס זיי פירן א קאָנצענטרירטן סעמי־פּאַטריארכאַלישן פאַמיליע־לעבן, איז דער געזעלשאַפטלעכער לעבן זייער אָפּגעשוואַכט. עס זיינען ביי די אינדיער כמעט ניט פאַראַן קיינע קעגנזייטיקע הילף־אינסטיטוציעס, אָדער לייי־קאַסעס.

די אינדיער האָבן נאָך ניט ארויסגעגעבן קיין באַדייטנדיקן שרייבער, פּאָעט אָדער קינסטלער. באַקאַנט זיינען בלויז דריי ביכער: די טיראַניע פון קאָליר פון פּ. ש. דזאָשי, א ביכל פּאָעזיע פון אהמעד עסאָפּ, און לעצטנס אַ ראָמאַן פון ד״ר פּרוי אנשונא סינג „האָרך, די ערד טרויערט״ “Behold the Earth Mourns” עס דערשיינען 4 וועכנטלעכע צייטונגען מיט אַ קליינער צירקולאַציע, אלע אין דערבן. “Indian Opinion”, “Indian Views”, “The Graphic” און “The Leader” און צוויי צוויי־וואָכיקע רעליגיעזע צייטונגען, איינע אין דערבן, די צווייטע אין יאָהאַנעסבורג.. אזוי ווי אינדיער איז ניט דערלויבט צו גיין אין די טעאַטערן און אין די קינאָס וווּ עס גייען ווייסע, האָבן זיי זייערע אייגענע קינאָס, וואָס זיינען זייער פּאָפּולער, און זיי זעען דאָרט א סך פילמס פון אינדיע. די יוגנט לעבט זיך אויס אין די פיל ספּאָרט־קלובן זייערע.

די אינדיער האַלטן זיך ווי אַ נאַציאָנאַלע מינדערהייט און ווי אַן אינטעגראַלער טייל פון דער היגער באַפעלקערונג. אינדיע איז זיי זייער ווייט. ווייניק פון זיי זיינען

דורך בריוו און פיזיש פארבונדן מיט אינדיע. דער מינדער־ווערטיקייט־קאָמפּלעקס, וואָס די היגע רעגירונגען האָבן אין זיי אנטוויקלט, צוליב דעם, וואָס זיי האָבן ניט קיינע פּאָלי־טישע רעכט, און צוליב דעם וואָס מען באטראַכט זיי בכלל פאר צווייט־ראַנגיקע מענטשן — אָט דער מינדערווערטי־קייט־קאָמפּלעקס ווערט קאָמפּענסירט מיט דעם באוווסט־זיין, וואָס זיי געהערן צו אַן אַלטן קולטור־פאָלק. דאָס גיט זיי שטאָלץ און הייבט אין זיי זייער מענטשלעכע ווירדע. זיי זיינען צופרידן, וואָס די איבער 500 מיליאָניקע באפעל־קערונג פון אינדיע און פּאַקיסטאַן שפּילט א גרויסע ראָל, און וואָס פּאַנדיט נערו איז איינער פון די גרעסטע פּערזענ־לעכקייטן אין דער וועלט־פּאָליטיק. אָבער ניט אינדיע, ניט פּאַקיסטאַן און ניט נערו האָבן געקענט ווירקן אויף דער דרום אפריקאַנער רעגירונג, אז זי זאָל געבן די אינדיער מענטשלעכע רעכט.

100 יאָר אינדיער אין דרום אפריקע איז א קייט, אין וועלכער יעדער רינג באשטייט פוןליידן, שווערע פּראַצע, אָרעמקייט, באליידיקונג, רעכטלאָזיקייט, ראַסן־פאראורטייל און דיסקרימינאַציע.

די אינדיער האָבן ניט געפייערט 100 יאָר זיין אין דרום אפריקע, ווייל זיי האָבן ניט מיט וואָס זיך צו פרייען. זיי האָבן די וויכטיקע דאַטע באצייכנט מיט גרויסע דעמאָנס־טראַציעס, אויף וועלכע א סך צענדלינגער טויזנטער זיינען זיך צוזאַמענגעקומען. עס האָבן אנטיילגענומען דער מע־יאָר פון דערבן און פון יאָהאַנעסבורג און דער אדמיניס־טראַטאָר פון נאַטאַל (אַן ענגלישער), אָבער קיינער ניט פון דער נאַציאָנאַליסטישער רעגירונג.

די אינדיער הי לעבן מיט דער גרויסער האָפענונג, אז דער קאמף אין דער יונאָ קעגן ראַסן־דיסקרימינאַציע און רעכטלאָזיקייט וועט ברענגען א סוף צו זייערע ליידן פון ראַסן־האַס און דיסקרימינאַציע.

ביבליאָגראַפיע:

"The History of the Indians in Natal" by Mabel Palmer.
"Indian People in Natal" by Hilda Kuper.
"Indians in S. Africa" by G. H. Calpin.
"The Tyranny of Colour" by P. S. Joshi.